בס"ד

# קהלתינו

נייעס, באריכטן, און
ארטיקלען מהנעשה
ונשמע אינערהאלב
קהלתינו הק'

גליון שלישי | סיון תשע"א

# קאלאסאלער ערפאלג ביי אינטעסיווע זיצונגען פון הנהלת קהלתינו הק' אויפצושטעלן דעם לאנג ערווארטעטן "ועד הפועל שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר"

**מערערע זיצונגען אין די לעצטע וואכן מיט געלונגענע קאנדידאטן פון חברי הנהלת הקהלה - ענדגילטיגער פארמאט פון "ועד הפועל" וועט געמאלדן ווערן אין די נאנטע טעג בע"ה - שפאנענדער ערווארטונג ביי אלפי חברי קהלתינו הק'**



14



6



9



19

# מיר גייען און ווייטער...



*אדאנק דעם שטארקן סוקסעס פונעם "שותפות קאמפיין" און ווארימען אפרוף פון אנ"ש גייען מיר ווייטער מיט דער עבודת הקודש צוצושטעלן חברותות און שיעורים פאר יעדן איינציגן תושב ביתר שאת ויתר עוז, צו שטארקן דעם כח פון לימוד התורה אין די גאנצע שטאט!*

# ...איר גייט אויך און ווייטער



*אנשי שלומינו וועלן ווייטער ארויסווייזן זייער הכרת הטוב דורך ארויסהעלפן אין די הייליגע ארבעט בנדבת לבם!*

# ובאו כולם בברית יחד

**מפעל**

**קביעות עתים לתורה**

שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב - קרית יואל

**בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א**

# אויסטערליש סוקסעספולער "שותפות קאמפיין" דורך "מפעל קביעות עיתים לתורה" ערמעגליכט אנצוגיין מיט דער עבודת הקודש צו שטארקן לימוד התורה אין די גאנצע שטאט

### קאמפיין גרייכט אין אלע ווינקלען פון שטאט - טיפער הכרת הטוב פון תושבי קרית יואל שטארק קענבאר איבעראל - דריי הערליכע פריוואטע מסיבות זענען קלימאקס פון ערפאלגרייכן קאמפיין

קביעות עיתים לתורה, קרית יואל - די לעצטע וואכן האבן טויזנטער צופרידענע תושבי קרית יואל געהאט די געלעגנהייט ארויסצוצייגן זייער טיפער הכרת הטוב פאר די חשוב'ע הנהלה און עסקנים פון "מפעל קביעות עיתים לתורה שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב ד'סאטמאר", פאר די אימערמידליכע ארבעט וואס זיי לייגן אריין במשך דעם גאנצן יאר ארויפצוברענגען דעם שטאפל פון לימוד התורה אין די שטאט צום העכסטן ניווא וואס מעגליך.

ס'איז נישט קיין סוד פאר תושבי עירינו וויפיל צייט און געלט, קאפ און מח, עס ווערט אריינגעלייגט דורך די געניטע איבערגעגעבענע עסקנים פון "מפעל קביעות עיתים לתורה", אין שפיץ פון דעם געטרייען און ערפארענעם מנהל הרב יואל (ברי"א) וויינבערגער שליט"א, צוצושטעלן פאר יעדן איינציגן איינוואוינער די בעסטע מעגליכקייט אז ער זאל קענען ארויסנעמען דאס מאקסימום לימוד התורה, בכמות און באיכות, במשך דעם טאג. אומצאליגע שעות ווערן אוועקגעגעבן צו פארזיכערן אז קיינער פאלט נישט ארויס, און אז יעדער איינער באקומט צוגעשטעלט פון בעסטן און שענסטן לויט וואס איז פאר אים דאס מערסטע פאסיג.

פארשטייט דאך אויך יעדער איינער אז "אם אין קמח אין תורה", און אז די דאזיגע ארבעט קאסט אפ אוצרות געלט צו באצאלן פאר אלע ארבעטער און מגידי שיעור אד"ג - טראץ וואס אפילו די וואס באקומען יא באצאלט איז עס אויך באמת גאר ווייניג כפי ערך פון די מורא'דיגע ארבעט וואס זיי שטעלן אהער - און דעריבער טאקע צייגן קרית יואל'ער איינוואוינער שטענדיג ארויס א שטארקן געפיל צו העלפן די עסקנים פון "מפעל קביעות עיתים לתורה" מיט אלעם וואס מעגליך.

במשך דעם גאנצן יאר קומט אויס פארשידענע געלעגנהייטן ווען די הנהלה און עסקנים באגעגענען זיך מיט די געגנזייטיגע צופרידנהייט פון די איינוואוינער צו "מפעל קביעות עיתים לתורה", ספעציעל דורך אויפנעמען ווארעם דעם מנהל התאחדות אברכים הרה"ח ר' יהושע טעללער שליט"א, גבאי ביהמ"ד הגדול, צי ביים אפנעמען די חודש'ליכע מעמדות פון הונדערטער חברי קהלתינו, צי ביי א יארצייט, שמחה, אד"ג. וואס ווערט ווען עס ווערט

>> פארזעצונג אויף זייט 7

# לעצטע ווערסיע פון בוי-פלענער פארענדיגט פארן פראכטפולן נייעם בית המדרש דקהלתינו הק' אין "שכונת ברך משה"; פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען אנצוהויבן מיט די בוי-ארבעט בקרוב

### בוי-פלענער פרעזענטירט דורך עסקני "ועד קרן הבנין" - תושבי השכונה שיחיו קאמענטירן אויף די בוי-פלענער בעפאר'ן אנהויב פון פאקטישע מלאכת הבני'

שכונת ברך משה, קרית יואל - מיט שפאנענדער ערווארטונג קוקן די תושבי השכונה ארויס אויפ'ן כסדר'דיגן פארשריט פון הקמת בית הגדול והקדוש, דעם נייער פראכטפולער בית המדרש החדש דקהלתינו הק' אין "שכונת ברך משה", וועלכע וועט בעז"ה דינען אלס דער צענטראלער ביהמ"ד פאר די הונדערטער איצטיגע און צוקונפטיגע איינוואוינער אין די הערליכע און שפרודלדיגע געגנט, ווי שוין געמאלדן אין "קהלתינו" פארגאנגענעם חודש ניסן.

ס'איז פשוט א נחת רוח גשמי ורוחני צוצוזען ווי עס זעצט פאר דער בליה און וואוקס פון די הייליגע שטאט קרית יואל כ"י אויף א הערליכן אומגלויבליכן פארנעם, און די הרחבת גבולי הקדושה גייט אן אויף א זעלטענעם אופן, בסייעתא דשמיא ובכוחו של אותו זקן מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע, מחולל ומייסד העיר.

איבערהויפט ווען די רעדע איז פונעם הערליכן און שפרודלדיגער "שכונת ברך משה" וועלכע וואקסט און בליעהט לשם ולתפארת, א שכונה וועלכע איז ווי באקאנט אויפגעשטעלט געווארן ע"ש מרן רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע, וואו עס הערשט א שטארקע ברידערליכע און אחדות'דיגע אטמאספערע צווישן די נאנט צו הונדערט און פופציג איינוואוינער כ"י, תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

עס איז שטארק צום דערקענען די השפעה וואס דער חשובער רב הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן האט אריינגעברענגט אין די גאנצע געגנט, הייבנדיג דעם רוח של תורה און פולע

>> פארזעצונג אויף זייט 12

# געוואלדיגע צופרידנהייט ביי תושבי קרית יואל פון "בית הוראה ד'קרית יואל" אין די אנגעצויגענע ערב פסח טעג

בית הוראה, קרית יואל - שטייענדיג ביים שוועל פון די פרישע יו"ט טעג וועלכע דערנענטערן זיך בעת מיר גייען אין דרוק איז מען ביי די הנהלה פון דעם "בית הוראה דקרית יואל" נאך אלץ אונטער'ן מעכטיגן איינדרוק פון די פענאמענאלע ארבעט וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך איר בעפאר דעם פארגאנגענעם יו"ט פסח.

ווי יעדער פארשטייט איז בעפאר יעדן יו"ט א שטארק אנגעשטרענגטע צייט ביי די מורי הוראה בישראל ווען אידישע קינדער ווילן הערן דעם ריכטיגן דעת תורה אויף יעדן פרט ופרט פון די קאמפליצירטע הלכות מיט וואס יעדער יו"ט איז פארבינדן, און זיכער איז דאס ריכטיג ביי די גאר שווערע הלכות פסח וועלכע זענען פון די שווערסטע הלכות אין גאנץ שולחן ערוך אורח חיים.

נאטורליך האט זיך דער וועלט בארימטער "בית הוראה דקרית יואל" גאר פעסט אהערגעשטעלט צו זיין גרייט אויפצונעמען דעם אומאויפהערליכן פלייץ פון שאלות וואס ווערן אנגעפרעגט פון די ערפארענע מורי הוראה. ספעציעל האט זיך היי יאר די פרישע "בית הוראה קאמיטע" אריינגעלייגט ביתר שאת ויתר עוז צו פארזיכערן אז דער בית הוראה איז פולקאם אויסגעשטאט מיט אלע נויטיגע צוגעהערן צו קענען אנגיין מיט די הייליגע ארבעט אומגעשטערט.

מ'האט טאקע צוריקגעהערט נאך יום טוב פון אלע ווינקלען אין די שטאט די געוואלדיגע צופרידנהייט ביים ברייטן ציבור תושבי קרית יואל וועלכע זענען געווען איבערראשט ווי ווייט דער בית הוראה האט באוויזן נאכצוקומען דעם גרויסן פארלאנג און פארזיכערן אז יעדער שואל זאל אוועקגיין מיט א הלכה ברורה אין ברען פון די הכנות צום גרויסן יו"ט.

לדעת את הדרך ילכו בה.

## אינהאלט:


- קורצע באריכטן ........ 4
- הן עם לבדד ישכון ........ 5
- אם שמוע תשמעו ........ 8
- שבועות, סאטמאר, און קרית יואל ........ 5
- מעמבערס ווינקל ........ 6
- איזהו חכם? ........ 9
- רביה"ק זי"ע פונקט 50 יאר צוריק אויף נתניהו'ס רעדע ........ 14
- מה נשתנה #2 ........ 19
- קהילת חאלאב, ארם צובה #2 ........ 21
- עמודי התווך דקהלתינו הק' ........ 27/26

# מורא'דיגער "מעמד הדלקה" לכבוד התנא האלקי רשב"י פארגאנגענעם ל"ג בעומר שטייגט איבער אלע ערווארטונגען

**צום ערשטן מאל: פייערליכע ריקודין פון טויזנטער אנ"ש אין חצר ביהמ"ד הגדול - לאנגע שורה שלענגלט זיך צו מאכן די "האלאקעס" ביי כ"ק רבינו שליט"א אין חדרו הפרטי - חברי קהלתינו דרוקן אויס שעצונג צו איבערגעגעבענע עסקנים**

**סיום פון יסודי התורה אויף "פסח ראשון" ביי שולחן הטהור ביום ל"ג בעומר אין בית מדרשינו הגדול אין וויליאמסבורג**

קרית יואל - מי שלא ראה שמחה זו לא ראה שמחה מימיו.

אזוי, נישט ווייניגער, האבן זיך אויסגעדרוקט די טויזנטער און טויזנטער סאטמארע חסידים פון גרעיטער ניו יארק וועלכע האבן געהאט די זכי' זיך צו באטייליגן ביי דעם מעמד מרומם ומרגש, דער "מעמד ההדלקה" לכבוד התנא האלקי רבן שמעון בן יוחאי, וועלכע איז פארגעקומען פארגאנגענעם מוצש"ק בחוקותי ל"ג בעומר העעל"ט אין חצר פון ביהמ"ד הגדול בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א ובהשתתפות פון שווערע טויזנטער אנשי שלומינו.

ווי יעדעס יאר האבן די געטרייע און איבערגעגעבענע עסקנים אריינגעלייגט פילצאליגע שעה'ן הארעוואניע, פיזיש און גייסטיג, אין די וואכן בעפאר דעם מעמד אויסצופלאנירן דעם מעמד אהערצושטעלן א דבר שלם ומתוקן וואס זאל פולשטענדיג ארויסברענגען די אינערליכע הרגשים פונעם ריזן ציבור אין די הייליגע צייט. נאך לאנגע שלאפלאזע נעכט איז מען היי יאר אויפגעקומען מיט א נייעם מהלך וויאזוי אויסצושטעלן דעם מעמד אויף אן אופן וואס זאל ערמעגליכן אריינצונעמען א גרויסן ציבור אנ"ש אין די ריקודין.

כ"ק מרן רבינו שליט"א האט ערשיינט פארנט פון ביהמ"ד נאנט צו צוועלף אזייגער און נאך א לענגערע ווײלע פון גיסן שמן אויף די מדורה, אין לויף פון וועלכן דער ציבור און די קאפעליע משוררים האבן געזינגען ניגוני דביקות והתעוררות, האט דער רבי שליט"א ברוב התלהבות אנגעצינדן דעם פייער לכבוד התנא האלקי, דערנאך זענען אויך מכובד געווען הגה"צ הדומ"ץ שליט"א און אנדערע רבני ונכבדי הקהלה מוסיף צו זיין אויפ'ן פייער, און באלד

>> פארזעצונג אויף זייט 28

# גאר וויכטיגע אסיפה אין שטוב פון הגה"צ הדומ"ץ שליט"א מיט מורי הוראה דקהלתינו הק'

**שטעלט אוועק קלארע יסודות אין די הארבע הלכות פון חמץ נאך פסח**

בית הוראה, קרית יואל - אין די לעצטע וואכן איז פארגעקומען א גאר וויכטיגע אסיפה אין שטוב פון הגה"צ הדומ"ץ שליט"א מיט דער באטייליגונג פון אלע חשוב'ע מורי הוראה אין "בית הוראה" דקהלתינו הק', און נאך א צאל מוצי"ם אין די שטאט.

ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס אזא סארט אסיפה ווערט פאררופן דורכ'ן דיין שליט"א איבער פארשידענע קריטיש וויכטיגע שאלות וועלכע זענען נוגע פאר אלע טויזנטער קרית יואל'ער משפחות אינעם טאג טעגליכן לעבן, און ווען דער דיין שליט"א זעט איין פאר וויכטיג רופט מען צוזאם אלע מורי הוראה צו נושא ונותן זיין כדת של תורה ביז ווען מ'ארבעט אויס א געמיינזאמען מהלך צו וויסן א קלארע הלכה על בוריה.

יעצט האט דער דיין שליט"א פאררופן די אסיפה איבער די הארבע הלכות פון חמץ שעבר עליו הפסח, וואס מיט דעם גאלאפ און פארשריט פון טעכנאלאגיע האלט זיך די וועלט אין איין טוישן, און

>> פארזעצונג אויף זייט 28

# שיינער מעמד הכנסת ספר תורה וועט פארקומען זונטאג נאך שבועות אין ביהמ"ד אהל פיגא

**דורך הרבני הנגיד בנש"ק מוה"ר שלמה משה קלאגסברוין שליט"א**

ביהמ"ד אהל פיגא, קרית יואל - קומענדיגן זונטאג שלח, געציילטע טעג נאך דעם יו"ט פון קבלת התורה וועט פארקומען א פייערליכער מעמד הכנסת ספר תורה דורך הרבני הנגיד מוה"ר שלמה משה קלאגסברוין שליט"א, וועלכער וועט אריינגעבן די ספר תורה וואס ער האט געלאזט שרייבן לע"נ זיינע עלטערן ע"ה צום ביהמ"ד אהל פיגא.

ביי די שמחה וועלן זיך מיטפרייען די טויזנטער חברי קהלתינו הק' וועלכע זענען כסדר נהנה פון די אומצאליגע לייסטונגען פון ר' שלמה, וואס האט אן אפענע טיר פאר מערערע צדקה צוועקן איבער דער גארער וועלט, ובפרט שטייט ער צו די רעכטע האנט פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אן א שיעור וערך, און האט זיך שוין געלאזט קאסטן שווערע טויזנטער דאלארן לטובת מוסדותינו וקהילותינו הק' די בכל אתר ואתר.

באזונדער וועלן זיך אבער משתתף זיין אין די שמחה די פילע מתפללים ולומדים אין ביהמ"ד אהל פיגא וועלכע זענען גוט באקאנט פערזענליך מיט די גרויסע אויפטוען פונעם חשוב'ן נדבן, וואס איז פון די עמודי התוך פונעם ביהמ"ד פון די ערשטע מינוט וואס

>> פארזעצונג אויף זייט 28

# "פארטאגס באס רוט" צוגעשטעלט פאר אלע תושבי שכונת ברך משה

**דורך "קביעות עיתים לתורה" - וועט צופירן ביז נאנט צום ביהמ"ד אהל פיגא**

שכונת ברך משה, קרית יואל - מיט גרויס פרייד איז אויפגענומען געווארן דורך די תושבים אין שכונת ברך משה די גוטע נייעס אז נאך פיל אנשטרענגונג איז געלונגען פאר די הנהלה פון "מפעל קביעות עיתים לתורה שע"י התאחדות אברכים" צוצושטעלן אז דער פארטאגס באס וועל-כער שלעפט זיך ארויף דעם שווערן בארג פון די ברך משה געגנט וועט אויפנעמען די חשוב'ע לומדים ומתפללים און זיי אפפירן אויף די מירון גאס, הארט נעבן דעם ביהמ"ד אהל פיגא דקהל יטב לב.

ס'איז איבריג צו זאגן וואס דאס באדייט פאר אלע ארטיגע, און צוקונפטיגע, הונדערטער איינוואוינער, וועמען ס'וועט נישט בלויז שפארן דעם וועג, נאר וועט אויך צוגעבן א שיינע עטליכע מינוט פון לימוד התורה בטהרה. גענוג געזאגט!

ווי ס'איז שוין געמאלדן געווארן אין ביהמ"ד ישמח משה פון די געגנט וועט דער באס אויפנעמען בשעה 6:25 און נאכאמאל בשעה 6:45, פונקטליך.

ליתן שכר למביאיהן.

# קורצע באריכטן

## מהנעשה ונשמע אינערהאלב קהלתינו הק'

- העפטיגע הכנות בעת די שורות ווערן געשריבן אויפצונעמען רבבות חסידי סאטמאר וועלכע קומען מיטהאלטן דעם געהויבענעם יו"ט שבועות בצל קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א
  - תושבי קרית יואל רופן זיך אן גאר ווארעם צום וויכטיגן "מארטגעדזש קאמפיין" וואס וועט אנגיין דורכ'ן יו"ט פאר מוסדות סאטמאר וויליאמסבורג מיט אירע 6,500 קינדער כ"י בליעה"ר
- **הערליכע שמחות ביי הגה"צ הדומ"ץ שליט"א.**
  - קישור האירוסין ביי זון פון חתנו הרה"ג ר' מנחם צבי כהנא שליט"א דומ"ץ קארלסבורג ור"מ באר התורה ד'סאטמאר, בן כ"ק אדמו"ר מקארלסבורג שליט"א, עב"ג בת הרה"ג ר' נפתלי אלימלך וואגשאל שליט"א אבד"ק אור לשמים אפטא, בן הגה"צ אב"ד לאנצוט זצ"ל וחתן הגה"צ אבד"ק מאדע שליט"א
  - שמחת ברית מילה ביי ניי געבוירענעם זון פון חתנו הרה"ג ר' נפתלי צבי שנעבאלג שליט"א, בן הגה"צ ראה"כ סאטמאר ב"פ שליט"א
- גאר געהויבענער "שבת הילולא" פאריגן שב"ק אמור, פינפטע הילולא פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע; הונדערטער געסט מחוץ לעיר באטייליגן זיך אין ווארימען שבת קודש. צענדליגער טויזנטער חסידי סאטמאר זענען זיך

>> פארזעצונג אויף זייט 25

# קהלתינו

נייעס, באריכטן, און ארטיקלען מהנעשה ונשמע אינערהאלב קהלתינו הק'

**דער "קהלתינו" ווערט ארויסגעשיקט אויסשליסליך נאר פאר מעמבערס דקהלתינו הקדושה**

## הן עם לבדד ישכון

ווי אראפגעברענגט מער אויספירליך אויף אן אנדער ארט אין די אויסגאבע איז קרית יואל געקומען אונטער אטאקע מיט אנדערטהאלבן חודש צוריק דורך אן ארטיקל אין ניו יארק טיימס וואס האט אראפגעשטעלט די שטאט קרית יואל אין א נישט גינסטיגע ליכט.

באמת האט מען דארט צווישן די שורות אויך געקענט טרעפן גענוג פאזיטיווע שטריכן אויף די הייליגע שטאט, אויף וואס דער מלאך רע האט בע"כ געמוזט מודה זיין, ווי צב"ש דער פאקט אז קרית יואל איז די איינציגסטע שטאט אין אמעריקע וואס איז פארברעכן פריי; די געוואלדיגע צדקה וחסד וואס דערקענט זיך אויף יעדן ווינקל; און נאך.

אבער דער אלגעמיינער סך הכל איז ארויסגעקומען, פונעם גוי'ס בליק, זייער נעגאטיוו קעגן קרית יואל.

פון איין זייט קוקט עס אפשר אויס ווי א פראבלעם, און ס'איז זיכער אז מיר פון אונזער זייט דארפן טון אלעס אין אונזערע הייגט צו פארמיידן דעם חילול השם וואס די סארט ארטיקלען ברענגען מיט זיך, גערעכט צי נישט. אבער אין תוך גענומען איז דער ארטיקל א גאר געווינטשענער דערמאנונג אז מיר זענען נאך אלץ אין גלות, אנגעוויזן אין גוי'ס חסדים און זיינע קאפריזן, און אז וואס אימער מיר וועלן נאר טון וועט דער גוי אלעמאל קוקן קרום אויף אונז, אפילו אין די דעמאקראטישע אמעריקע.

ביי סאטמארע חסידים איז גוט באקאנט די ווערטער פון הייליגן ישמח משה (פר' בלק), וואס רביה"ק זי"ע פלעגט אפט חזר'ן, אז דער אויבערשטער האט ברוב טובו אריינגעלייגט אין די טבע א נאטורליכע שנאה פונעם רשע צום צדיק, כדי צו פארגרינגערן אויפ'ן צדיק דאס מאכן די נויטיגע הבדלה צווישן זיי, עיי"ש.

אין זעלבן גייסט ערקלערן די ספרים הקדושים דאס וואס חז"ל זאגן אויפ'ן בארג סיני "שירדה שנאה לעכו"ם עליו", און ווי דער רמב"ם ערקלערט אין אגרת תימן אז די שנאה איז א קנאה, זיי האבן קנאה אין אידן אז זיי האבן אזא חשוב'ן דת, עיי"ש, זאגן די ספרים אז דאס איז א געוואלדיגע טובה פון אויבערשטן כדי צו פארזיכערן אז עס בלייבט אן אייביגע הבדלה צווישן איד מיט'ן גוי, וואס אן דעם קען זיך אידישקייט נישט האלטן, און ווי מ'זעט בחוש אין די לעצטע דורות וויאזוי די "גלייכבארעכטיגונג" האט אראפגעפירט מיליאנען אידן פון דרך התורה ל"ע, ווי דער חתם סופר זי"ע האט געהאט געווארנט.

ס'איז גוט אז דער גוי אליין דערמאנט אונז פון צייט צו צייט אז מיר זענען נאך אלס אין גלות.

# שבועות, סאטמאר, און קרית יואל

## אן אייביגער חוט המשולש

נ. לאוב

בעת די שורות ווערן געשריבן גרייטן זיך אלפים ורבבות פון חסידי סאטמאר צו קומען קיין קרית יואל, זיך מסתופף זיין בצילא דמהימנותא פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א צו מקבל זיין די תורה פונדאסניי. איבער אלע ווינקלען פון די שטאט שמעקט מען די הכנות צום געהויבענעם יום טוב, איבעראל מערקט מען ווי מען גרייט זיך צו די חשוב'ע געסט, די רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע.

שבועות תשל"ח איז געווען דאס ערשטע מאל וואס קרית יואל האט זוכה געווען אנצוקניפן דעם קשר אמיץ וחזק צווישן דעם הייליגן יו"ט און ק"ק סאטמאר, ווען רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע דער מייסד הקרי' האט געוויילט דא צום ערשטן מאל אין דעם הייליגן טאג.

יענער יאר האט דער יו"ט שבועות און די שטאט קרית יואל אויך געלייגט דעם אבן הפינה פאר'ן הייליגן מוסד "קרן הצלה" וואס דער רבי האט מייסד געווען בשארית כוחותיו אין זיינע לעצטע יארן עלי האדמות, וממנו יתד וממנו פנה וואס איז ארויסגעגאנגען דער הייליגער רוף פאר די גאנצע וועלט פון "מי לה' אלי", און דאס האט געגרינדעט א פינאנציעלן יסוד און קיום פאר די רעשטלעך שארית הפליטה אין ארה"ק זיך צו האלטן פעסט אין איינע פון די שווערסטע מאמענטן וואס כלל ישראל האט בייגעוואוינט זינט די ביטערע מלחמה.

זינט דאן האט קרית יואל זוכה געווען כמעט אלע יארן צו דינען אלס גאסט-געבערין פאר דעם געהויבענעם יו"ט. די געציילטע אויסנאמען ווען רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט געפראוועט דעם יו"ט אין די שטאט וויליאמסבורג האט זיך שטארק אנגעזען דער חלל, נישט נאר האט פאר קרית יואל געפעלט דעם שבועות, נאר דעם שבועות האט אויך געפעלט קרית יואל! אלס עמיצער וואס האט אנטייל גענומען אין א גרויסן טייל פון די לעכטיגע ימים טובים קען מען זאגן בפה מלא אז דער יו"ט האט געהאט גאר אן אנדערן טעם, ס'האט אים געפעלט א שטיק חיות.

די השגחה עליונה האט אויך אזוי אויסגעקליבן סימבאליש אז שבועות אין קרית יואל זאל זיין דער ערשטער יום טוב וואס זאל צוזאמנעמען טויזנטער און טויזנטער סאטמארע חסידים תחת צילו והדרכתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א נאך דער התמנות אלס מנהיג רוחני פון די סאטמארע עדה הקדושה, ווען רביה"ק בעל ברך משה זי"ע איז נסתלק געווארן כ"ו ניסן תשס"ו.

עס ליגט נאך אין די ביינער פאר אלע סאטמארע חסידים דער מעכטיגער אויסרוף פון "ה' מלך" און "שמע ישראל" וואס האט אפגעהילעכט אין די גאסן פון קרית יואל פון סאטמארע חסידים, ביי וועמען דער הייליגער זכרון פון שבועות אין קרית יואל איז דאן נאכמער איינגעקריצט געווארן אין א בחינה פון "וגילו ברעדה", שפירנדיג דעם פארלוסט און דערמאנענדיג פון דעם לעכטיגן יום טוב בהילו נרו על ראשינו, אבער פון די אנדערע זייט דער געפיל אז "ברוך ה' אשר לא השבית לנו גואל".

ס'האט זיך אויך ארויסגעשטעלט מיט'ן לויף פון די יארן אז שבועות אין קרית יואל איז אלעמאל געווען דער פלאץ וואו עס האט זיך ארויסגעשטעלט דער אויסטערלישער בליה און וואוקס פון די סאטמארע קהלה בליעה"ר. ברם יזכר לטוב די חשוב'ע קרית יואל'ער עסקנים הידועים לשם ולתפארת וועלכע זענען אין די תש"נ יארן געווען די ערשטע צו אקאמאדירן דעם געוואלדיגן וואוקס און אנגעהויבן צושטעלן דעם הייליגן יו"ט מיט'ן ריכטיגן פראכט וואס בלויז דער "ברב עם הדרת מלך" קען צושטעלן.

ווי פאסיג איז עס אז פונקט דער יום טוב פון קבלת התורה, ווען אידישע קינדער האבן אנגעהויבן א נייעם לעבן און נאכגעגאנגען דעם רבש"ע אין מדבר אריין אן קיין שום חשבון, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה, זאל זיך פארבינדן סינאנים מיט די שטאט קרית יואל וועלכע סימבאליזירט מער פון אלעם דעם געוואלדיגן קשר פון סאטמארע חסידים צו רבוה"ק זי"ע, און זייער גרייטקייט נאכצוגיין דעם רבי'ן זי"ע אין עפעס וואס האט אמאל אויסגעזען אלס וויסטער מדבר, אן די מינימאלע גשמיות'דיגע געברויכן, אבי נאכצוגיין דעם דבר ה' ברמה און אויספירן דעם לעבנ'ס וואונטש פון אבינו רועינו הקוה"ט זי"ע.

שבועות אין קרית יואל אונטער רביה"ק בעל ברך משה זי"ע איז אויך א ריזיגער פאקטאר וואס האט געשפילט א געוואלדיגע ראלע אין העלפן אז קרית יואל זאל חלילה נישט צופאלן נאך דער הסתלקות פון רבי'ן בעל דברי יואל זי"ע, ס'איז אויסער יעדן צווייפל אז ווען נישט דעם הייליגן יו"ט אין די הייליגע שטאט אונטער רבותינו הקדושים זי"ע וואלט די שטאט נישט געהאט קיין זכות קיום! בלויז אדאנק וואס דער רבי האט אנגעהאלטן ווייטער דעם קשר צווישן סאטמאר און קרית יואל דורך דעם הייליגן יו"ט האט עס ערמעגליכט צוביסלעך אז זי זאל זיך צעוואקסן אין דער עיר ואם בישראל וואס זי איז היינט צו טאג, ועוד ידה נטויה בעז"ה ובליעה"ר.

בריך רחמנא דיהיב אורייתא תליתאי לעם תליתאי בירחא תליתאי.

# מעמבערס ווינקל



מ'קען שיקן הערות
און קאמענטארן צו
Cong. Yetev Lev
16 Garfield Rd.
Monroe, NY 10950
אדער קען מען אריינרופן
854.774.4040 #105

## מער ווי בלויז א הידור

איך האב געוואלט קאמענטירן אויף דעם רייכן ארטיקל וואס איר האט געהאט אין די ניסן אויסגאבע וועגן די ריינע ווייץ וואס מ'ברענגט פון די מערב שטאטן אין אמעריקע וועלכע האבן דעם געוואלדיגן הידור אז ס'האט אויף זיי נישט גערעגנט.

דוכט זיך אז מ'וואלט געדארפט בעסער ארויסברענגען אז ס'איז אן ערנסטע הלכה'דיגע שאלה, ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א האט עס מברר געווען בטוב טעם ודעת ביים סוד שיח מיט הגאון האדיר ראש ישיבה ד'מאנסי שליט"א (געדרוקט אין משולחן מלכים פר' טהרה) אז ווייץ וועלכע זענען שוין געצייטיגט און ס'האט גערעגנט דערויף איז נישט אויסגעהאלטן לויט'ן רשב"א וואס ווערט אראפגעברענגט אין שו"ע (או"ח סי' תס"ז ס"ה), און ווי ס'איז מבואר אין שו"ת דברי חיים (או"ח ח"ב סי' ל"ט) און פילע אנדערע אחרונים, ובפרט אויב מ'טרעפט מצומחות אויפ'ן פעלד.

נאר בלית ברירה פארלאזט מען זיך אויפ'ן מעיל צדקה (סי' ס"ט) וועלכער קריגט אויפ'ן רשב"א, אבער דאס איז נאר בלית ברירה. און ס'איז וויכטיג צו געדענקען אז מיט די ריינע ווייץ איז מען מקיים מער ווי סתם א הידור נאר יוצא א מצוה דאורייתא לויט "אלע" פוסקים.

וו. ל.

## להלכה "ולא" למעשה

אל מערכת "קהלתינו" הנכבדה

ס'וואלט מיר געווען אינטערעסאנט מיטצוטיילן, היות ווי איר האט באריכטעט אין די פאריגע אויסגאבע פון חודש ניסן איבער די היסטארישע אסיפה אין שטוב פון כ"ק מרן רבינו שליט"א מיט די סאטמארע דיינים אויסצוארבעטן א תורה'דיגן מהלך וויאזוי מ'דארף זיך אויפפירן עפ"י תורה אין פאל פון אן אומגליק וועו איינער ווערט נפטר אין יו"ט ל"ע. און איר האט אויסגעפירט דארטן אז די גאנצע אסיפה וועט האפנטליך זיין "להלכה ולא למעשה", אז מ'זאל חלילה נישט דארפן נוצן דעם אויספיר פון די אסיפה אין פראקטיק.

מוז מען טאקע אויסרופן בשער בת רבים א שבח והודי' צו השי"ת וואס דעם פארגאנגענעם יו"ט פסח איז ב"ה געווען שא שטיל, מ'האט נישט געהערט קיין שוד ושבר און קיין איין שטוב פון סאטמארע חסידים! לויט ווי איך האב געהערט פון הרה"ח ר' יוסף ווייס הי"ו, סעקרעטאר פון די חברה קדישא דקהלתינו הק', איז אין די לעצטע 23 יאר געווען בלויז דריי מאל וואס ס'האט אזוינס פאסירט אז א יום טוב זאל דורכגיין רואיג, דאס לעצטע מאל איז געווען פאר 10 יאר צוריק!

מ'האט געזען בחוש וויאזוי מ'האט צוגעפירט פון הימל אין זכות פון עוסק זיין אין די הלכות החמורות אז ס'זאל טאקע בלייבן להלכה "ולא" למעשה, און האפנטליך וועט אויך דער איצטיגער יו"ט שבועות און אזוי ווייטער אויף אלע ימים טובים נישט פארשטערט ווערן חלילה, און אודאי האפן מיר אלע אויפ'ן טאג וואס מ'וועט שוין בכלל נישט הערן די צרה, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, בביאת גוא"צ ומלכינו בראשינו, בב"א.

י. ש.

## וואו האט מען זיך געיאגט?

למע"כ חברי הנהלת קהלתינו

איך האב געוואלט אנפרעגן אזוויי איך האב געהערט פון עמיצן וועלכער איז געווען אין מירון אויף ל"ג בעומר לכבוד די יומא דהילולא פון תנא האלקי רשב"י זיע"א, און צו זיין וואונדער האט מען דארט אנגעהויבן אנגרייטן די הכנות אויפצונעמען די הונדערטער טויזנטער עולים וועלכע קומען ארויף מתפלל זיין ביים ציון הקדוש ערשט די צווייטע האלבע וואך בעפאר די יארצייט.

אויב אזוי וויל איך פארשטיין פארוואס האט מען דא אין קרית יואל, וואו עס קומט ווייט נישט אזא ריזן ציבור ווי אין מירון, האט מען געמוזט אנהייבן די הכנות אזויפיל ווי א גאנצע וואך פריער פון ל"ג בעומר און צושטערן דעם געווענליכן סדר אין ביהמ"ד הגדול?! וואס האט מען נישט געקענט ווארטן מיט די ארבעט אויף מיטוואך-דאנערשטאג?!

ה.ב.ש.

*ענטפער פון עסקנים המסדרים: מיר זענען נישט דארט געווען, און לפי ידיעתינו הייבט מען יא אן צוגרייטן עטליכע וואכן בעפאר, אבער אפילו אויב די הכנות וואלטן זיך דארט אנגעהויבן שפעטער איז תרי תשובות בדבר.*

*קודם כל איז דער פאקט אז אפילו דא אין קרית יואל קומט דער גאנצער ציבור אויפאמאל בעת דארט קומט מען אויסגעשפרייט במשך איבער 24 שעה. פאקטיש זעט מען בחוש אז די רבבות חסידי סאטמאר וועלכע קומען מיטהאלטן דעם פייערליכן מעמד ההדלקה שטייגן גאר אריבער סיי וועלכן פלאץ אין מירון וואו עס נעמט זיך צוזאם א קיבוץ אידן "אויפאמאל". בליעה"ר.*

*בכלל איז דער מצב דארט פיל אנדערש ווי דא. אין דעם חצר המערה איז כמעט נישטא וואס צוצוגרייטן ספעציעל – אויסער די עבודת הפרך וואס ווערט אריינגעלייגט דורך הונדערטער עסקנים פון אלע שיכטן און קרייזן אין די הכנות אונטער די קוליסן, וואס מ'זעט נישט מיט'ן פשוט'ן אויג, אויך איז זייער זמן שבת איז העכער א שעה פריער ווי אונזערס, וואס מיינט זייער זייער אסאך אין די קורצע צייט ווען ל"ג בעומר פאלט אויס אין מוצש"ק; און דאס פלאץ וואס ווערט צוגעגרייט פאר די צענטראלע הדלקה איז מער ווייניגער ליידיג אין די שעות ביז'ן צינדן, אינדערצייט וואס ביי אונז דרייען זיך הונדערטער אנ"ש אינעם חצר ביהמ"ד הגדול און מ'קען עס בשום אופן נישט אפשפארן במשך די הכנות.*

*צווייטנס, פארמאגן די היגע עסקנים ווייט נישט די ריזיגע געלט רעסורסן און/אדער ערפארונג פון די מירונ'ער עסקנים, וואס די דארטיגע הדלקות און פייערונגען ברענגען אריין שווערע מיליאנען, און במילא קען מען זיך ערלויבן פארשידענע זאכן פון וואס מיר קענען בלויז חלומ'ען... משא"כ דא הארעווען אפאר אומבאצאלטע עסקנים, און אלעס וואס זיי טוען יא איז שכרם הרבה מאוד.*

*אבער נאך דאס גאנצע ווילן מיר קלארשטעלן אז מיר נעמען אין באטראכט דעם פארלאנג און וועלן ארבעטן ווייטער מיט אלע כוחות אז דאס קומענדיגע מאל וואס ל"ג בעומר געפאלט אויס אין מוצש"ק זאל מען קענען אנהייבן די הכנות עטליכע טעג שפעטער. משיח זאל אודאי פריער קומען.*

# אויסטערליש סוקסעספולער "שותפות קאמפיין" דורך "מפעל קביעות עיתים לתורה" ערמעגליכט אנצוגיין מיט דער עבודת הקודש צו שטארקן לימוד התורה אין די גאנצע שטאט

<< פארזעצונג פון זייט 3

אפגעקויפט דער זכות לימוד התורה פונעם היכל צבי ראזענבערג אין ביהמ"ד הגדול.

די פלייסיגע ארבעט טוט טאקע דאס זייניגע, און הרה"ח ר' יהושע ברענגט אריין דורכ'ן יאר דעם חלק הָאֲרִי פון דעם ריזיגן בודזשעט וועלכע הויערט אויף די פלייצעס פון די געטרייע הנהלה, אבער ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט איז נאך אלץ אין הקומץ משביע את הארי... און עס בלייבט נאך איבער א יערליכער לאך פון צענדליגער טויזנטער דאלארן, וועלכע זענען טאקע א קליינער פראצענט פונעם בודזשעט אבער נאך אלץ א גרויסער לאך וואס האט אויסטערליש געדרוקט אויף די הנהלה, און אויטאמאטיש זיך אפגערופן אויף די פעולות פונעם "מפעל קביעות עיתים לתורה".

היי יאר האט די הנהלה באשלאסן אז בלית ברירה וועט מען מוזן מאכן א באזונדערן קאמפיין זיך ווענדנדיג צו אנשי שלומינו איבער דער גאנצער שטאט אז זיי זאלן זיך אנשליסן אין די הערלישע לימוד התורה אקטיוויטעטן פון וואס יעדער איינער איז באזונדער נהנה, און ווערן א ריכטיגער שותף למעשה בראשית דורך העלפן די חשוב'ע עסקנים ארויסקריכן פון דעם שווערן פעקל, און פארשטאפן דעם לאך וואס האט באדראעט אריינצושלעפן חלילה די גאנצע עבודת הקודש וואס ווערט אנגעפירט לטובת די תושבי העיר.

מיט עטליכע וואכן צוריק איז דער קאמפיין געלאזט געווארן אין שוואונג, אונטער די געניטע פירערשאפט פון העסקן הנמרץ ברוך הכשרון הר"ר בנציון גאלדמאן הי"ו, און האט איינגענומען די שטאט ווי מיט א שטורעם, ימה וקדמה צפונה ונגבה. דער דרייפאכיגער קאמפיין האט געצילט סיי אויסצוצאלן די אלטע חובות וועלכע האבן זיך אנגעזאמלט אויף די אויסגעהארעוועטע פלייצעס פון די הנהלה, און אויך צו דעקן דעם יערליכן לאך וואס בלייבט איבער נאך אלע פעולות לטובה.

ווי דער פאסיגסטער אריינפיר צו קבלת התורה האט די שטאט קרית יואל אויפגענומען די עסקנים פונעם שותפות קאמפיין בצהלת פנים, פארשטייענדיג אז די געוואלדיגע החזקת התורה וואס מען פארדינט דורך שטיצן דעם מעגליך-גרעסטן תורה אפאראט איבער דער גארער וועלט איז דער בעסטער זכות מיט וואס מען קען זיך גרייטן צום מעמד קבלת התורה אין יום טוב שבועות.

די עסקנים האבן איינגעטיילט די ארבעט אין דרייען. צוערשט איז מען געזעצן ביי די ספעציעלע טישלעך וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן פאר דעם צוועק אין אלע גרעסערע בתי מדרשים איבער די שטאט - וואו דער ציבור האט, אגב, אנערקענט די שטארקע נחיצות וואס פארלאנגט זיך אנצורופן צום קאמפיין, ווען די הנהלה האט בלית ברירה 'געגאנבעט' דעם פארנומענעם יו"ר, הרב ר' יואל וויינבערגער, און ממש מיט צוואנג אים אפגעריסן עטליכע שעה פון זיין געוועהנליכע ארבעט צוזשטעלן חברותות ושיעורים מיט וואס ער איז פארנומען 24 שעה אין טאג, טאקע מיט'ן צוועק צו צייגן פאר'ן עולם דעם שווערן מצב, לויט'ן כלל אז "מילתא דתמיהי מדכרי דכירי אינשי".

באזונדער זענען די עסקנים ארומגעגאנגען יעדע נאכט איבער די הייזער פון אנשי שלומינו. זיי האבן נישט געלייגט קיין דגוש ארויפצוגיין דוקא צו נגידים ונדיבים בעם, נאר האבן דירעקט געצילט זיך צו טרעפן מיט די צופרידענע 'קונדן' פון די טויזנטער איינוואוינער וועלכע שפירן טאג טעגליך אויף די אייגענע בארד וויפיל זיי ווערן ארויסגעהאלפן פון די פארצווייגטע פעולות פון "מפעל קביעות עיתים לתורה", און דעריבער יעצט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו קענען צוריקצאלן כאטש אפס קצהו און פארזיכערן אז די אקטיוויטעטן גייען ווייטער אן מיט'ן פולן קראפט.

דער קלימאקס פונעם קאמפיין זענען אבער בלי ספק געווען די דריי גאר געלונגענע מסיבות וועלכע זענען צוגעשטעלט געווארן דורך די עסקנים און מיטהעלפער פונעם "מפעל קביעות עיתים לתורה" און צוזאמגעברענגט א גרויסע צאל חברים און שטיצער.

>> פארזעצונג אויף זייט 28

## צוויי פרישע גבאי "קביעות עיתים לתורה" אויפגענומען געווארן צו דינען דעם ברייטן ציבור אנשי שלומינו

**העסקן מו"ה יואל בראדי הי"ו אין ביהמ"ד אהל פיגא - העסקן מו"ה אברהם משה טוב הי"ו אין ביהמ"ד ישמח משה**

קביעות עיתים לתורה, קרית יואל - די בשורה טובה איז אויפגענומען געווארן מיט שטארקער ערווארטונג אין צוויי געגנטער וועלכע זענען יעצט נתחדש געווארן מיט'ן צוגאב פון צוויי געלונגענע עסקנים וועלכע וועלן מיט פרישע כוחות און פלייס זיך אריינווארפן אין דער עבודת הקודש פון צושטעלן פאסיגע חברותות פאר די מתפללי ולומדי ביהמ"ד, ווי אויך אויפזיכטן אויף די שיעורים אין ביהמ"ד, און בכלל האלטן אן אויג צו פארבעסערן און פארגרעסערן כסדר דעם קול תורה אין ביהמ"ד און אין די גאנצע ארומיגע געגנט.

אין ביהמ"ד אהל פיגא, וואו עס האט זיך לעצטנס געשאפן א שטארקער חלל, איז אויפגענומען געווארן העסקן החשוב מו"ה יואל בראדי הי"ו, וועלכער איז גוט באקאנט מיט זיין פריינדליכער באנעמונג און געשמאקער צוגעלאזנקייט, און אין די קורצע צייט האט ער שוין באוויזן ב"ה צו שלאגן שטארקע ווארצלען ביי די מתפללי ולומדי ביהמ"ד.

אויך אין ביהמ"ד ישמח משה, וואו מען שרייט שוין פון לאנג "למה נגרע" פון אלע אנדערע טויזנטער תושבי קרית יואל, איז פרייליך אויפגענומען געווארן די בשורה טובה אז פון היינט און ווייטער וועט העסקן החשוב מו"ה אברהם משה טוב הי"ו אריינלייגן אלע זיינע געבענטשטע טאלאנטן אלס נח לשמים ונח לבריות אויף צו פלעגן דעם גארטן, גן ה', און אויפארבעטן די לימוד התורה צום מאקסימום וואס נאר מעגליך.

די ביידע גבאים ארבעטן האנט אין האנט מיט די געטרייע הנהלה רוחנית פון "מפעל קביעות עיתים לתורה", אין שפיץ פון דעם איבערגעגעבענעם מנהל הרב יואל וויינבערגער שליט"א, און וועלן בע"ה ארויפברענגען דעם שטאפל פון לימוד התורה יעדער ביי זיך אין ביהמ"ד צו א פרעצעדענטלאזן ניוואו, לשמחת לבם פון די הונדערטער שכנים.


מפעל
קביעות עתים לתורה
שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב - קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

מזמור לתודה

מקרב לב עמוק הננו להודות בשער בת רבים, בשם כל תושבי "שכונת ברך משה", את מע"כ הרבני החשוב מהולל בתשבחות עומד ומיטיב לאחריני במיטב יכלתו

מוה"ר **שמואל ראטענבערג** הי"ו
מענעדזשער הבאסעס של מוסדותינו הק'

שסידר את הבאס המיוחד שיוליך תושבי השכונה בשעות הבוקר לביהמ"ד אהל פיגא

זכות אלפי שעות תורה שיתוספו על ידו יעמדו לימינו שישכיל ויצליח בכל פינות שהוא פונה וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה, אמן.

**מפעל קביעות עיתים לתורה**
שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב ד'סאטמאר

# שיר השירים אשר לשלמה



בית המדרש אהל פיגא
דקהל יטב לב ד'סאטמאר
קרית יואל
ע"ש הרבנית הצדקת מסאטמאר ע"ה
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

Bais Medrosh Ohel Faiga
Of
Congregation
Yetev Lev D'satmer
Kiryas Joel

• 10 Drubige Way • Kiryas Joel • Monroe, NY 10950 •

משגרים אנו בזה מלא כסי דברכתא להאי גברא יקירא, עסיק באורייתא תדירא, **ש**'ייף עייל שייף נפיק ולא מחזיק טיבותא לנפשי' בחזרה, **ל**'כל ישראל האיר מטיל מלאי לכיסן של תלמידי חכמים ליהודים היתה אורה, **מ**'וקיר ורחום רבנן ואיהו גופי' יושב באהלה של תורה, **ה**'וא הגבר עומד הכן לעשות רצון צדיק כ"ק מרן רבינו שליט"א יומם ולילה בעוז ותפארה

**ובמיוחד עושה ומעשה לכל קדשי בית סאטמאר וקהלתינו הק', ובפרט משליך נפשו מנגד לטובת בית מדרשינו מיום הוסדה ועד עתה, ה"ה**

**הרה"ח הנגיד**

**מוה"ר שלמה משה קלאגסברוין שליט"א**

**חבר הנהלת בית מדרשינו**

**לרגל שזיכוהו מן השמים לקיים את דברי הספר התורה הזאת בשמחת**

# הכנסת ספר תורה

שיוכנס בעז"ה ובשעטו"מ

**ביום א' שלח, י' סיון**

**לבית מדרשינו אהל פיגא דקהל יטב לב ד'סאטמאר**

**התהלוכה תצא בתופים ובמחולות מבית הנדיב**

**7 VAYOEL MOSHE CT. #301**

**בשעה 5:00**

ויהא רעוא שמשמחה זו יושפע שפע רב בכל העולמות ויזכה עוד רבות בשנים להקים עולה של תורה ולעלות מעלה מעלה על במתי התורה והיראה עד ביאת דוד מלכא משיחא, ומלכינו בראשינו, בב"א.

**ביהמ"ד קאמיטע**

אלימלך דייטש - נחמן פיש - ליפא פאלקאוויטש - דוד אלי' קטינא
חיים הערש נאווי - יעקב יצחק שטוהל - שלום יוסף לעווינגער

הקולמוס 845.425.6566

עדיטאריעל:

# איזהו חכם? הרואה את הנולד

## ס'איז ענדערש צו זיין קלוג ווי איידער צו זיין גערעכט



פארגאנגענעם יום טוב פסח האט קרית יואל 'זוכה' געווען צו א לענגערע באשרייבונג אין אמעריקע'ס גרעסטע און וויכטיגסטע צייטונג, דער ניו יארק טיימס, וועלכער ווערט געליינט דורך מיליאנען אמעריקאנער גויים און טראגט אַן אומגעהויערן איינפלוס אויף די פאליטישע וועלט איבער די לענג און ברייט פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע.

דער טיימס האט זיך נישט דערמאנט פון קרית יואל צוליב איר געוואלדיגע קדושה, איר אויסערגעווענליכער צניעות, איר אויסטערלישע מאס גמילות חסדים, און אזוי ווייטער די הייליגע שטריכן וועלכע כאראקטעריזירן די שטאט וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט'ן בלוט און שווייס פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע. די אלע זאכן זענען לגמרי נישט קיין ארטיקל ביים טריפה'נעם גוי.

ער האט זיך 'דערמאנט' פון אונז צוליב א סטאטיסטיק וואס דער שרייבער האט אפירגעקראצט פון די צענזוס ביורא פון די פאראייניגטע שטאטן, וועלכע האט צווישן אירע סטאטיסטיקס פארשידענע ציפערן בנוגע ארימקייט אין אמעריקע, וואס איז היינט צו טאג א גאנגבאר ארטיקל אין דאס עקאנאמיש-צעקראכענע לאנד, וואו געלטגייציגע שפאקולאנטן האבן איר געברענגט צו די קניען.

למעשה מוז מען דאך אין די גוי'אישע אמעריקע אלעמאל טרעפן א קרבן ווער ס'איז שולדיג פאר זייערע אלע פראבלעמען. די שטיין רייכע ביליאנערן טאר מען דאך חלילה נישט באשולדיגן, פונקט ווי מ'טאר נישט צורירן די ביליאנען דאלארן אין סובסידיעס און שטייער-שניטן וואס זיי קריגן, וויבאלד זיי זענען די הויפט פינאנצירער פון אלע קאמפיין'ס לענגאויס דעם פאליטישן ספעקטרום פון די פאראייניגטע שטאטן, וד"ל.

האט מען דעריבער געטראפן א ביליגן און גרינגן קרבן: די ארימעלייט - די לעצטע צייטן הערט מען פון אלע זייטן, ספעציעל פון די קאנסערוואטיוון, באשולדיגן אז אמעריקע'ס ארימעלייט [וואס נעמט היינט ארייין זייער א גרויסן פראצענט] 'זויגן אויס דעם סיסטעם' דורך אלע רעגירונג'ס פראגראמען. די ארימעלייט זענען די שולדיגע פאר דעם אסטראנאמישן 14.3 טריליאן דאלערדיגן דעפיציט.

אין אזא צייט איז גארנישט כדאי צו זיין קיין ארימאן... שולדיג אין די וועלט'ס אלע פראבלעמען.

### טיימס פרעגט: איז קרית יואל טאקע אזוי ארים?

אבער פונקט אין די שווערע צייט האט דער טיימס שרייבער 'אנטפלעקט' די צענזוס ביורא'ס סטאטיסטיק אז די שטאט קרית יואל איז די ארימסטע שטאט אין אמעריקע, מיט 70 פראצענט פון אירע איינוואוינער זיצנדיג אונטער'ן פעדעראלן ארימקייט שטאפל. און וואו א ריזיגער פראצענט פון אירע איינוואוינער געניסן פון פוד-סטעמפס, סעקשאן 8, און אנדערע רעגירונג'ס פראגראמען.

האט דער שרייבער באשלאסן אז ער גייט כאפן א באזוך אין די ארימע שטאט קרית יואל - [גראדע איז דא א שטארקע מעגליכקייט אז אונזערע 'גוטע פריינט' אינדרויסן פון די שטאט האבן איינגעלאדנט דעם שרייבער כדי אזוי צו פארשפרייטן זייער לאנגיאריגע וויסטע העצע קעגן דעם הייליגן "כן ירבה וכן יפרוץ" וועלכע באגלייט קרית יואל פונעם ערשטן טאג וואס זי איז נתייסד געווארן, אבער ס'איז בלויז א שפאקולאציע.], און לויט ווי ער שילדערט האט דער בילד וואס ער האט דא געזען אים געכאפט אין איבערראשונג.

אנשטאט נוצן אונזער שפראך וועלן מיר ליבערשט איבערגעבן דאס ווארט פאר'ן שרייבער זעלבסט און ציטירן טייל פון זיינע ווערטער:

"די ארימסטע פלאץ אין די פאראייניגטע שטאטן איז נישט א שטויביגע טעקסאס גרעניץ שטעטל אדער פארלאזטע דרויסנדיגע געגנט. עס האט נישט קיין "סלאמס" אדער היימלאזע מענטשן. קיינער פון אירע איינוואוינער גייען נישט צעשליסן אנגעטאן אדער דארף גיין הונגעריג.

"דער איינקונפט פון בערך זיבעציג פראצענט פון די ווילעדזש'ס 21,000 איינוואוינער פאלט אונזער די פעדעראלע ארימקייט ליניע, לויט די צענזוס ביורא. דער דורכשניטליכער פאמיליע איינקונפט ($17,929) און פער-קאפיטא איינקונפט ($4,494) שטייט נידריגער ווי סיי וועלכע ענליכע פלאץ אין גאנצן לאנד. נאנט צו האלב פון די ווילעדזש'ס הויזגעזינד באריכטעט ווייניגער ווי $15,000 אין יערליכער איינקונפט.

"קנאפע האלב פון די איינוואוינער באקומען פוד-סטעמפס, און איין דריטל באקומט מעדיקעיד בענעפיטן און זענען אנגעוויזן אויף פעדעראלע וואוטשערס [סעקשאן 8 אד"ג] צו באצאלן זייערע האוזינג קאסטן......

".....איין געזעצגעבער, אסעמבליפרוי נענסי קאלהאון [הערת הזעצער: א לאנגיאריגע ביטערע פיינט פאר קרית יואל], א רעפובליקאנער וועלכע פארטרעט א דערנעבנדיגע דיסטריקט אין אראנדזש קאונטי, האט פארלאנגט אן אויספארשונג דורך די סטעיט רעגירונג אין די פראגע פארוואס קרית יואל האט באקומען גרענטס פאר דעם [אשת חיל] צענטער. "זיי מעגן זיין ארים אויפ'ן פאפיר", זאגט מרס. קאלהאון, "זיי זענען אבער נישט ארים אין רעאליטעט"......

"פארט, ארימקייט איז כמעט נישט אנזעבאר אין די ווילעדזש. פארקינג לאט'ס זענען פול, אבער קערידזשעס איז דא מער אין צאל ווי קארס. א זשולער נוצט א געמיינזאמע סטאר-פראנט מיט א טשעק קעשינג אפיס. צו פארמיידן ארימערע יונגע קאפלס פון ווערן אראפגעקוקט אדער אנזייען שולד-געפילן ביי עלטערן, האט דער הויפט ראביי באפוילן לעצטנס אז דיאמאנטענע רינגלעך זענען נישט אקצעפטירט צו געגעבן ווערן אלס חתונה מתנות און אז מ'זאל זיך באגנוגנען מיט וואן-מען בענד'ס ביי חתונות.

"איך קען נישט זאגן אז אלס א גרופע שפילן זיי אויס דעם סיסטעם", זאגט וויליאם בי. העלמרייך, א סאציאלאגיע פראפעסאר וועלכער ספעציאליזירט זיך אין אידישע שטודיעס ביי די סיטי קאלעדזש פון די סיטי אוניווערזיטעט פון ניו יארק, "אבער איך מיין אז זיי האבן, אנטשולדיגט מיר, אומארטאדאקסישע מיטלען פון באקומען פינאנציעלע שטיצע".

"דאס אלעס ברענגט א פונדאמענטאלע פראגע: זענען טאקע אזויפיל ווי 7 פון צען קרית יואל'ער איינוואוינער אמת'דיג ארים?.........

"...........וויליאם אי. ראפפאגעל, הויפט עקזעקוטיוו פון די "מעטראפאליטען זשואיש קאונסיל אויף פאווערטי" [אין קורצן באקאנט אלס "מעט"], זאגט, "זיכער, ס'זענען מסתמא דא מענטשן וועלכע נעמען עדוועטעדזש און מענטשן אין די אונטערגרונד עקאנאמיע וועלכע באקומען בענעפיטן צו וואס זיי זענען נישט בארעכטיגט, אבער ס'זענען אויך דא אסאך ארימע מענטשן".

ביז אהער האבן מיר ציטירט פונעם טיימס כמעט ווארט ביי ווארט, מיר האבן נישט איבערגעזעצט דעם גאנצן ארטיקל, בלויז די ציטאטן וועלכע זענען רעלעוואנט פאר די טעמע וואס מיר ווילן דא אויסשמועסן.

**דער טיימס פרעגט:**

**"דאס אלעס ברענגט א פונדאמענטאלע פראגע: זענען טאקע אזויפיל ווי 7 פון צען קרית יואל'ער איינוואוינער אמת'דיג ארים?.........**

**"...........וויליאם אי. ראפפאגעל, הויפט עקזעקוטיוו פון די "מעטראפאליטען זשואיש קאונסיל אויף פאווערטי" [אין קורצן באקאנט אלס "מעט"], זאגט, "זיכער, ס'זענען מסתמא דא מענטשן וועלכע נעמען עדוועטעדזש און מענטשן אין די אונטערגרונד עקאנאמיע וועלכע באקומען בענעפיטן צו וואס זיי זענען נישט בארעכטיגט, אבער ס'זענען אויך דא אסאך ארימע מענטשן".**

## אמעריקע איז באמת א "ערליך" לאנד...

מיר זענען לגמרי נישט אויסן צו פירן דא קיין פאלעמיק מיט'ן טיימס שרייבער צי זיין אלגעמיינע אויפפאסונג איז גערעכט צי נישט. עס איז קלאר אז אלס דרויסנדיגער הייבט ער נישט אן צו פארשטיין דעם סיסטעם וויאזוי דער חרדי'שער ציבור לעבט און געט זיך אלעמאל אן עצה.

מען וואלט געקענט זייער גרינג אויפווייזן ווען מ'זעצט זיך אראפ מיט א פעדער און פאפיר מאכן א חשבון אז די פעדעראלע רעגירונג פארדינט זייער אסאך פון דעם חרדי'שן לעבנסשטייגער, און אויב וואלט גאנץ אמעריקע געפירט אזא לעבן ווי אונז ערליכע אידן שומרי תומ"צ וואלט זי בכלל נישט געהאט קיין רעגירונג'ס דעפיציט.

איך וואלט געוועזן גאר אינטערעסאנט צו מאכן א חשבון וויפיל געלט די פעדעראלע רעגירונג האט ארויסגעצאלט ביי די בעילאוטס פאר די פינאנציעלע ריזן - וועמען אמעריקע האט צו 'פארדאנקען' פאר זייערע ריזיקאלישע אינוועסטירונגען וועלכע האבן אונטערגעבראכן די עקאנאמיע. ס'איז אויסער יעדן צווייפל אז דאס געלט וואס איז גענוצט געווארן אויסצולייזן בלויז איינס פון די פירמעס וואלט געקענט אויסהאלטן גאנץ קרית יואל אויף א שיינע עטליכע יאר.

ס'איז פונקט אזוי איבריג זיך צו שטעלן טענה'ן איבער די שרעקליכע 'עוולה' פון קרית יואל'ער איינוואוינער אז "זיי גייען נישט אנגעטאן צושליסן אדער הונגעריג", און איבער אנדערע רעלעוואנטע טענות און פאקטן וואס דער טיימס שרייבער האט בכוונה פארהוילן אדער 'פארגעסן', וועלכע וואלטן געשטעלט קרית יואל אין אסאך א שענערע ליכט ווי ס'שמעקט פאר'ן טיימס שרייבער.

נישט אז ס'איז נישט כדאי ארויסצוברענגען די דאזיגע פונקטן, ספעציעל אויב מעגליך אז ס'זאל אנקומען צו די אומות העולם אביסל אראפצונעמען פון דעם חילול השם וואס דער ארטיקל האט פאראורזאכט, נאך אלעם בלייבט אבער דער טרויעריגער פאקט אז מיר פארדינען גארנישט פון זיין גערעכט.

דער העצערישער ארטיקל האט ארויסגערופן בייז בלוט ביי מיליאנען גויים איבער גאנץ אמעריקע קעגן קרית יואל, און לויט ווי היסטאריע וויסט אונז צו דערציילן קען דאס חלילה ברענגען מיט זיך שרעקליכע קאנסעקווענצן. ה' ירחם.

מיר לעבן טאקע ב"ה היינט צו טאג אונטער דער מלכות של חסד פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע, וואו אינדיווידועלער פרייהייט און פרייהייט פון רעליגיע זענען צווי שטארק אידעאלע פרינציפן, און וואו מען פרעדיגט א גאנצן טאג טאלעראנץ און דעמאקראטיע. מ'זעט קלאר אז די השגחה עליונה האט צוגעשטעלט פאר די פארבליבענע רעשטלעך פון כלל ישראל א מקום מנוחה וואו מ'זאל קענען אביסל צו זיך קומען פון דעם שרעקליכן קלאפ וואס אונזער פאלק האט געליטן ביים ביטערן האלאקאוסט, און אויסלעבן רעלאטיוו רואיג דאס לעצטע ביסל פונעם ביטערן גלות.

זאל דאס אבער חלילה נישט פארבלענדן די אויגן כאילו דער אמעריקאנער גוי האלט נישט איין ערליך דעם "הלכה הוא בידוע שעשיו שונא ליעקב" [אין אידיש: ס'איז א באקאנטע הלכה אז עשו האט פיינט יעקב], ווי באקאנט אז דער הייליגער רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע האט זיך אויסגעדרוקט אז "אן ערליכער גוי מיינט איינער וואס האלט ערליך איין דעם הלכה הוא בידוע"...

> **זאל מען זיך חלילה נישט פארבלענדן די אויגן כאילו דער אמעריקאנער גוי האלט נישט איין ערליך דעם "הלכה הוא בידוע שעשיו שונא ליעקב" [אין אידיש: ס'איז א באקאנטע הלכה אז עשו האט פיינט יעקב], ווי באקאנט אז דער הייליגער רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע האט זיך אויסגעדרוקט אז "אן ערליכער גוי מיינט איינער וואס האלט ערליך איין דעם הלכה הוא בידוע"...**

ווי לאנג אלעס גייט כשורה פירט ער זיך אויף מיט איידעלע מאנירען און שטעלט אן א פנים ווי דער בעסטער גוטער פריינט, אך און וויי אבער ווען עס הייבט אים אן צו גיין שלעכט, דאן אנטפלעקן זיך זיינע חיה'שע אינסטינקטן מיט אלע אירע אמת'ע פינסטערע קאלירן. גאט באהיט אויף דעם וואס שטייט אים דעמאלטס אין וועג.

מ'דארף נישט קוקן ווייטער ווי דער צוגאנג פון די אמעריקאנער רעגירונג און אירע בירגער צום קריג קעגן טעראר. אפגערעדט פון דעם וועג וויאזוי מ'באהאנדלט יעדן "פארדעכטיגטן" טעראריסט, וועלכער פארלירט אלע רעכטן, נאר בכלל די באנעמונג זייערס קעגן יעדן אראבער, און יעדן וואס קוקט נאר אויס ווי אן אראבער. וויפיל הינדו'ס, און להבדיל א"א הבדלות ספרד'ישע אידן, זענען גערודפ'ט געווארן אין די לעצטע יארן בלויז צוליב זייער הויט-קאליר?! גאט באהיט יעדן וואס פאלט נאר אריין אונטער די נעגל פון די אמעריקאנער געזעץ-היטער, אלע דעמאקראטישע רעכטן און ווירדן ווערן פארשווינדן ווי אין וואסער אריין.

## מיר דארפן מקדים זיין רפואה למכה!

עס איז נישט אונזער פלאץ און/אדער אין אונזערע מעגליכקייטן צו קענען אויסרעכענען פאר יעדן אינדיווידועלן קרית יואל'ן איינוואוינער וויאזוי צו פירן זיין אייגענעם בודזשעט. אונזערע יונגעלייט מוטשען זיך אזוי אויך גענוג אויפ'ן לעבן און קיינער פון אונז זוכט נישט סתם אויסצונוצן די שטאטישע פראגראמען אומבארעכטיגט ח"ו. יעדער וואלט גערן געקענט באשטיין צו זיין א שיינער פארדינער און אליינ'ס זיין בעל הבית אויף זיין טאג טעגליכן הלוך ילך.

פארט מוז מען מודה זיין אז דער היימישער עולם האט זיך איינגעוואוינט אין די לעצטע עטליכע-צענדליג יארן צו זיצן אויף קאסט ביי די שטאטישע טאטעס. עס לאזט זיך שפאקולירן די פונקטליכע סיבה פארוואס דאס איז אזוי געווארן אז רוב עולם קלערט ניטאמאל פון קיין אנדערן אויסוועג און שטעלט זיך לכתחילה אויס דאס לעבן מיט'ן חשבון אז די רעגירונג וועט אים ארויסהעלפן אין די וויכטיגסטע הוצאות, אבער דער פאקט צייגט אז ס'איז צוביסלעך אזוי געווארן. מעגליך צוליב'ן פאקט אז עס קוקט אויס ווי א גרינגער וועג ארויס.

דער ריינער אמת איז אבער - ווי עס וועלן מודה זיין דער גרעסטער טייל פון די וועלכע לעבן היינט צו טאג אויפ'ן 'פעטער'ס חשבון' - אז ס'איז בכלל נישט קיין באטעמ'טער עסק דאס ליגן אין די הענט פון די הארטע ביוראקראטן. נישט בלויז איז עס קעגן דעם נאטורליכן אידישן שטאלץ זיך צו ווענדן צום גוי אויסשטרעקן די האנט פאר אפאר גרייצער, נאר ס'איז פשוט גשמיות'דיג אומבאקוועם צו גיין יעדע עטליכע מאנאטן נאכאמאל זיך אריינגעבן אין די הענט פון אזעלכע וועלכע קוקן גאר שטרענג אויף די חרדי'שע אידעלעך וועלכע קומען שניידן א מוציא פון די גרויסע רעגירונג'ס חלה.

יעצט אבער איז מען שוין ווייט אריבער די גרעניצן פון אומבאקוועם, ס'איז כלו כל הקיצין. ווי דער טיימס ארטיקל צייגט האט דער גוי געעפנט ברייטע אויגן און אנגעהויבן אריינקריכן אין די אידישע קישקע. פאר'ן באהאלטענעם אנטיסעמיטיזם וואס ליגט טיף באגראבן אין יעדן פון עשו'ס אייניקלעך ברענט און גליהט יעדע פעני וואס ער גיט ארויס פאר אידישע קינדער אונטער'ן שלייער פון 'גלייכבארעכטיגונג', און ער וועט זוכן יעדן מעגליכן מיטל זיך צו באפרייען פון די דאזיגע פארפליכטונג.

ס'האט נישט קיין זין זיך צו גיין טענה'ן מיט אים איבער לאגיק אדער מאטעמאטישע חשבונות, נישט דאס ליגט באגראבן אונטער די היי... פאר זיי איז פונקט גענוג צו האבן א תירוץ זיך ארויסצולאזן אין א דורכדרינגליכע אטאקע קעגן קרית יואל בפרט און חרדי'שע אידן בכלל.

און דאס איז קלאר, לדאבונינו, אז פון די מיליאנען אויגן וועלכע האבן געליינט די טיימס' ארטיקל געפינען זיך א שיינע צאל פון איינפלוסרייכע מענטשן וועמען די סארט סטאטיסטיקס ברענען און בראטן. ס'איז אויסער יעדן צווייפל אז ביום מן הימים, איין שיינעם טאג קען מען רח"ל הערן זייער נישט קיין גוטע בשורות אין די סארט ענינים, א דירעקטער רעזולטאט פון די אומגעווינטשענע אויפמערקזאמקייט וואס דער טיימס האט אנגעשיקט אין אונזער ריכטונג.

בדרך הטבע, און מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף, וועט עס טאקע נישט זיין היינט אדער מארגן, אבער מ'דארף זיך רישן אז עס קען אמאל קומען.

מיר זענען מחויב צו טון אלעס וואס מעגליך זיי צו פארלויפן דעם וועג!

אין אזא פאל דארפן מיר קוקן אויף וואס אונזערע עלטערן האבן געטון אין אזוינע פעלער, מנהג אבותינו בידינו.

יעקב אבינו האט שוין געזאגט פאר די שבטי קה ווען עס האט זיך אנגעהויבן דער הונגער אין מצרים "למה תתראו", און ווי רש"י איז דארט מסביר האט יעקב אנגעזאגט פאר זיינע הייליגע קינדער א לעקציע וואס האט אלעמאל באגלייט כלל ישראל לענגאויס דעם לאנגן ביטערן גלות: ווען דער גוי איז הונגעריג שטעל זיך נישט אהער פאר אים צייגן אז דו ביזט זאט. אויב ביי א איד איז הונגער א געפערליכער נסיון, וואס זאל שוין דער גוי זאגן?! ווען ער דרייט זיך ארום מיט א לאך אין די קעשענע דארף דער איד טון אלעס אין זיינע מעגליכקייטן, קאסט וואס עס קאסט, אז דער גוי זאל נישט קוקן אויף זיין זייט מיט בייזע בליקן!

און דאס רעכנט איך אריין טוישן דעם גאנצן צוגאנג פון היימישן ציבור צו רעגירונג'ס פראגראמען. עפעס וואס איז אמאל געווען א דיעבד שבדיעבד - ערליכע אידן פון א דור צוריק זענען געגאנגען פרעגן א שאלה און א דעת תורה בעפאר זיי האבן זיך געווענדן צו די רעגירונג נאך הילף, טראץ וואס זיי זענען געווען אויסטערליש געדרוקט - איז היינט צו טאג געווארן א לכתחילה שבלכתחילה. מ'טראכט נישט קיין צווייפאר מ'שטרעקט אויס די האנט צו באקומען די פאר גראשן וואס די רעגירונג שטעלט צו, אפילו אויב דורכדעם בינדט מען זיך די אייגענע הענט און מ'מאכט זיך אליין גאר שווער צו געניסן פון די שפע וואס דער רבש"ע וויל געבן פאר אידישע קינדער.

מיר מיינען נישט חלילה צו זאגן אז עמיצער וואס האט נישט קיין עסן אין שטוב צו געבן פאר די קינדער זאל זיך אפהאלטן פון זיך ווענדן צו די רעגירונג, און מען איז זיכער מחויב צו נוצן יעדע סארט הילף וואס מ'קען קריגן אז דער מנוחת הנפש אין שטוב זאל אנגיין ווי

געהעריג, אבער מ'מוז יא טוישן דעם אלגעמיינעם בליק אויף דאס געניסן פון די פראגראמען.

זייער ווייניג פון אונז וועלן זיין גרייט ארומצוגיין אין ביהמ"ד קלויבן קוואדער נאך קוואדער צו קענען באצאלן די אייגענע גראסערי, דאס נוצט מען אלעמאל אלס לעצטער מיטל וואס ווערט נאר גענוצט אין עקסטרעמע מצבים. פונקט אזוי דארף באטראכט ווערן דאס גיין שנארן געלט פון די רעגירונג'ס פראגראמען!

דער איינציגער חילוק צווישן די צוויי איז דער פאקט אז אינדערצייט וואס אידישע קינדער געבן צדקה בעין יפה, און אפילו דער עני שבישראל וועט זיך אנשטרענגען העכער זיינע מעגליכקייטן ארויסצוהעלפן זיינס א ברודער אין נויט, קוקט די רעגירונג מיט א שלעכט אויג אויף יעדן וואס קומט אריין אין אירע ד' אמות, און ספעציעל אויב יענער גייט אנגעטון מיט די פולע טראגע פון אן ערליכן איד.

חז"ל האבן אונז שוין געווארנט מיט טויזנטער יארן צוריק אז "חסד לאומים חטאת", דער גוי טוט נישט קיין חסד אומזיסט, סתם לשם חסד. דער גוי איז זיכער נישט גרייט אז אזויפיל אידן זאלן זיצן ביי אים אויף וואס ער באטראכט אלס אומזיסטע קעסט, און אז ער הייבט שוין אן צו קוקן קרום אויף קרית יואל טויג נישט, און ס'ליגט א פערזענליכע אחריות אויף יעדן זיך אנצושטרענגען און העלפן צוריק באהאלטן קרית יואל פון דער נאציאנאלער אויפמערקזאמקייט וואס דער טיימס האט איר 'געשאנקען'.

א באזונדערע טעמע איז דער אויסטערלישער חילול השם וואס דער ארטיקל, און די ערשיינונג, האט פאראורזאכט. טראץ וואס מ'קען קיינעם נישט באשולדיגן דערין, איז אבער למעשה ארויסגעקומען א געוואלדיגער חילול השם אויף וואס חז"ל זאגן אז אפילו יום הכיפורים איז נישט מכפר רח"ל, און וועלכער איד וואלט זיך נישט געלאזט קאסטן דאס גאנצע פארמעגן און כל הון דעלמא אפצוהאלטן אזא געוואלדיגן חילול השם?!

**טראץ וואס מ'קען קיינעם נישט באשולדיגן דערין, איז אבער למעשה ארויסגעקומען א גרויסער חילול השם אויף וואס חז"ל זאגן אז אפילו יום הכיפורים איז נישט מכפר רח"ל, און וועלכער איד וואלט זיך נישט געלאזט קאסטן דאס גאנצע פארמעגן און כל הון דעלמא אפצוהאלטן אזא געוואלדיגן חילול השם?!**

ווי געזאגט איז נישט דא דער פלאץ צו געבן פאר'ן עולם עצות וויאזוי זיך צו באפרייען פון די דאזיגע קייטן, ספעציעל ווען קיינער קען נישט צוזאגן אז ס'וועט זיין גרינג. אבער יעדער דארף קוקן ביי זיך און זוכן יעדן מעגליכן מיטל וויאזוי זיך צו קענען צוביסלעך אראפזען פון די אלע זאכן אויף ווי ווייט מעגליך, אפילו אויב נאר למחצה לשליש ולרביע.

אזויפיל קען מען יא זאגן בפה מלא אז הונדערטער קרית יואל'ער משפחות האבן אין די לעצטע יארן זיך צוביסלעך ארויסגעדראפעט פון זיין צוגעבינדן צו די פראגראמען, און דער גרעסטער טייל פון זיי לעבן היינט ב"ה גליקליך און צופרידן. א היפשער טייל פון זיי האבן גאר אנטפלעקט א נייע וועלט מיט אומצאליגע מעגליכקייטן צו פארברייטערן זייער פינאנציעלן האריזאנט אדאנק וואס זיי זענען ענדליך ארויסגעקראכן פונעם דרוק וואס די פראגראמען לייגן ארויף אויף א מענטש. אנדערע האבן אויסגעקליבן צו לעבן אביסל מער בצמצום אבי נישט דארפן מער אנקומען צום חסד לאומים.

ותבא עליהם ברכה!

## אביסעלע בטחון וואלט אויך נישט געשאדט...

דא אין קרית יואל האט יארן צוריק געוואוינט א גאר חשוב'ער איד, הרה"ח ר' נחמי' געלב ע"ה, פון די מייסדים פון ק"ק סאטמאר בשנים קדמוניות, האט ער אמאל געהערט אז עמיצער האט אריינגעגעבן א פוד-סטעמפס אפליקאציע ווי נאר ער האט געמאכט די מערידזש לייסענס, האט ער זיך צובייזערט מיט א גוטמוטיגן שמייכל "ער וויל ניטאמאל אויספרובירן דעם רבש"ע, אפשר פאר דיר וועט ער יא געבן געהעריג פרנסה און דו וועסט נישט דארפן זיצן אויף קעסט ביי די רעגירונג...?!".

ס'איז כדאי צו האלטן דעם קלוגן ווערטל פאר די אויגן ווען מ'הייבט אן שטעלן די ערשטע טריט ארויס אין די גרויסע פרעמדע וועלט באלד נאך די חתונה. יעצט איז עס נאך פיל גרינגער, און דער גרעסטער טייל יונגעלייט וועלכע האבן זיך באלד אין אנהייב מסדר געווען אן די אלע פראגראמען לעבן היינט פיל מער גליקליך און צופרידן, אפילו אויב זיי האבן צומאל געדארפט אין אנהייב ארבעטן שווערער ווי זייערע חברים. ס'איז א דרך "ארוכה וקצרה", און נישט פארקערט.

פאר אן ערליכן איד איז פיל מער כדאי צו האבן בטחון און אמונה אז דער רבש"ע, דער זן ומפרנס מקרני ראם עד ביצי כינים, וועט אים אויך אינזין האבן און צושיקן אלעס וואס ער דארף און וואס ער זאל דארפן זיך אראפלאזן און אויסשטרעקן די האנט צו שנארעריי, זאל עס זיין פון די רעגירונג צי ביי זיינע אידישע ברודער.

ס'איז באקאנט די מעשה מיט'ן הייליגן רבי'ן רבי זושא אז ער האט געטראפן אמאל געלט אין די בלאטע און עס נישט געוואלט אויפהייבן זאגנדיג אז אויב דער אויבערשטער וויל אים צושיקן געלט זאל עס ענדערש קומען בדרך כבוד און נישט אויף א שמוציגן אופן ווי קריכן אין די בלאטע עס אויפצוהייבן. דוכט זיך אז מ'קען רואיג נוצן דעם משל אהער, אויב דער רבש"ע וויל אים אריינשיקן גענוג פרנסה איז בעסער מ'זאל עס נעמען אין די ארבעט בדרך כבוד ווי איידער דורך דארפן קריכן אין בלאטע.

**דא אין קרית יואל האט יארן צוריק געוואוינט א גאר חשוב'ער איד, הרה"ח ר' נחמי' געלב ע"ה, פון די מייסדים פון ק"ק סאטמאר בשנים קדמוניות, האט ער אמאל געהערט אז עמיצער האט אריינגעגעבן א פוד-סטעמפס אפליקאציע ווי נאר ער האט געמאכט די מערידזש לייסענס, האט ער זיך צובייזערט מיט א גוטמוטיגן שמייכל "ער וויל ניטאמאל אויספרובירן דעם רבש"ע, אפשר פאר דיר וועט ער יא געבן געהעריג פרנסה און דו וועסט נישט דארפן זיצן אויף קעסט ביי די רעגירונג...?!".**

און אז מ'רעדט פון רבי ר' זושא מוז מען אויך ציטירן די מורא'דיגע ווערטער וואס זיין הייליגער ברודער ברענגט פון אים אין נועם אלימלך (פר' בהר):

"ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט האט ער מיט זיין גוטסקייט משפיע געווען צינורות וועלכע ברענגען אראפ שפע פאר דעם מענטש'ס געברויכן, און דער סדר פון שפע איז זיך קיינמאל נישט אפצושטעלן נאר ווען דער מענטש פאלט פון די מדריגה און האט נישט קיין בטחון אין הקב"ה דער אמת'ער משגיח, וועלכער שפייזט און איז מפרנס בריוח אן קיין שום הפסק, דאן מאכט יענער מענטש מיט די נישט ריינע מחשבה א פגם חלילה אין די עולמות העליונים, און שוואכט אפ דעם כח פון די פמליא של מעלה ר"ל, און דאן ווערט חלילה אפגעהאקט די שפע, און דער אויבערשטער מוז צוריק באפעלן פאר די שפע אז זי זאל אנהייבן צו גיין אזויווי ביים אנהייב פון די בריאה".

".....די תורה לערנט אויס דעם מענטש די וועגן פון אויבערשטן, אז ער זאל זיין גאנץ מיט זיין בטחון אויפ'ן באשעפער און ער זאל בכלל נישט זאגן 'וואס וועלן מיר עסן?', ווייל ווען ער פאלט חלילה פונעם בטחון צו טראכטן וואס ער וועט עסן, מאכט ער דורכדעם א פגם חלילה אין די שפע און איז מטריח דעם אויבערשטן צו באפעלן פונדאסניי א פרישע שפע...... נאר איר זאלט זיך פארזיכערן אין אויבערשטן מיט אייער גאנצן הארץ און דאן וועט די שפע גיין אן קיין שום הפסק אויף אייביג, ס'וועט אין איר גארנישט פעלן". עכדה"ק.

דער שרייבער פון די שורות איז פערזענליך באקאנט מיט מערערע געשיכטעס פון מענטשן וועלכע האבן געזען אפענע השגחה פרטית און די וואונדערליכע האנט פון אויבערשטן וואס האט זיי צוגעשיקט פארשידענע מקורות פון הכנסה נאך וואס זיי האבן ביי זיך פעסט אנטשלאסן נישט אויסצושטרעקן די האנט צו קיין בשר ודם, אריינגערעכנט די אמעריקאנער רעגירונג.

ס'איז נישט דא דער פלאץ אבער איר קענט זיך אליין נאכפרעגן ביי אייערע באקאנטע וועלכע האבן זיך דאס אונטערגענומען, און איר וועט ערשטוינט ווערן וויאזוי כמעט יעדער האט געזען אפענע זאכן ביים זיך ווענדן צום טאטן אין הימל און די שפע וואס ער איז אלעמאל גרייט צו שענקען פאר זיינע קינדער.

* * *

## צום שלום:

ס'איז נישט קיין ספק אז די ווערטער קומען פאר קיינעם נישט אן גרינג צו הערן, פונקט ווי ס'קומט אונז נישט אן גרינג צו זאגן. יעדער האט גענוג געוויסנביסן אז מ'מוז אנקומען צו די רעגירונג'ס פראגראמען און קיינער, אבער טאקע ממש קיינער, נעמט עס נישט פאר שוואוילטאג. אודאי וואלט יעדער זיך געווינטשן אריינצוברענגען גענוג פרנסה אין שטוב בדרך כבוד, און דאס געניסן פון די פראגראמען איז אלעמאל אויפ'ן גאנג פון "ההכרח לא יגונה".

פונקט אזוי מוז מען אבער אין באטראכט נעמען אז טאקע דער זעלבער "ההכרח לא יגונה" האט אונז געברענגט צו שרייבן די דאזיגע שורות. אפגעזען פונעם פאקט אז פאר'ן מענטש פערזענליך ווערן פארשפארט פילע פינאנציעלע טויערן דורכדעם וואס מ'שפארט זיך איין מיט די אייגענע הענט אין די קייטן פון רעגירונג'ס הילף, איז דער מצב ארויס פון פראפארץ, און ברענגט שוין צו אומגעווינטשענע אויפמערקזאמקייט פון די דרויסנדיגע גאס מיט אומפאראויסגעזעענע קאנסעקווענצן, ה' ירחם.

אזוי אויך איז כדאי אלעמאל האלטן פאר די אויגן די קלוגע ווערטער פון די טויבעלע וואס האט געזאגט ביים צוריקברענגען דעם איילבירט בלעטל פאר נח אין די תיבה "רבש"ע ס'איז מיר ענדערש אז מיין שפייז זאל זיין ביטער ווי א זית און זאלן קומען פון דיינע הענט, ווי איידער זיי זאלן זיין זיסער פון האניג און קומען פון די הענט פון א בשר ודם" (עירובין יח:). נאך אלעם בעט יעדער איד יעדן טאג "ואל תביאנו לא לידי מתנת בשר ודם", און מ'קען רואיג אננעמען אז דער גוי גייט אויך אריין אין כלל פון דעם 'בשר ודם'...

# לעצטע ווערסיע פון בוי-פלענער פארענדיגט פארן פראכטפולן נייעם בית המדרש דקהלתינו הק׳ אין "שכונת ברך משה"; פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען אנצוהויבן מיט די בוי-ארבעט בקרוב

<< פארזעצונג פון זייט 3

הויפענעס מיט התרוממות אין די גאנצע סביבה, זייענדיג משפיע מהוד תורתו מיט שיעורים תמידין מידי יום ביומו ומידי שבת בשבתו. און ס'איז בלויז נאטורליך אז דער ביז-איצטיגער ביהמ"ד איז שוין צר מהכיל, אזוי אז ס'איז געווארן קריטיש וויכטיג צוצושטעלן א נייעם רחבות'דיגן מקום תורה ותפילה פאר די הונדערטער מתפללים ולומדים.

נאכדעם וואס אין די לעצטע חדשים האבן טעטיגע עסקני השכונה זיך ארייגעווארפן אין די "קרן הבנין" ארבעט, האט מען בעז"ה באוויזן צו מאכן שטארקע פארשריט אין דעם געביט, און נאך א זיצונג מיט ראשי קהלתינו הק' (ווי שוין באריכטעט) האבן די חשובע עסקנים פון "ועד קרן הבנין" געוואקסן פון א שטארקע חיזוק און מוט ממשיך צו זיין ווייטער מיט די עבודת הקודש.

מטעם די חשובע עסקני "ועד קרן הבנין" איז דער גאנצער בוי-אונטערנעמונג איבערגעארבעט געווארן עטליכע מאל דורך געניטע מומחים, אויסצורעכענען די פונקטליכע געבוי און געשטעל פונעם פראכטפולן בנין, כדי צו קענען אהערשטעלן די גענויע פלענער צו פארנוצן יעדעס שטיקל פלאץ לויט די בעסטע מעגליכקייטן.

איבערמידליכע כוחות ווערט ארייגעלייגט אהערצושטעלן דעם בית הגדול והקדוש אויף שענסטן און בעסטן פארנעם, און אין די איצטיגע טעג זענען טאקע פארענדיגט געווארן די ענדגילטיגע בוי-פלענער וועלכע זענען פרעזענטירט געווארן פאר די די תושבי השכונה פאר פארשלאגן\געדאנקען\הערות לפאר ולרומם בית ד' (זעט בייגעלייגט).

אצינד קומען פאר די העפטיגע צוגרייטונגען צוצוגיין צום נעקסטן שטאפל: אנצוהויבן מיט די פאקטישע מלאכת הבני'.

תושבי קרית יואל בכלל און די תושבי השכונה בפרט וואונטשן פאר די אלע חשוב'ע עסקנים וועלכע זענען עוסק אין דעם פראיעקט, אז זיי זאלן ווייטער מצליח זיין אין זייער אונטערנעמונג להרחבת גבולי התורה והקדושה, ולהגדיל תורה ולהאדירה.

מחיל אל חיל.












מפעל

# קביעות עתים לתורה

שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב – קרית יואל

בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

שיעורים תמידין כסדרן

סיומי מסכתות פרטיים

קנה לך חבר

סיומי מסכתות לחבורות

התחזקות ועידוד לאברכים

שיעורי תורה ביומי דפגרא

מודעות, פרסומים וגליונות

# ברכה כפולה ומכופלת

ברון שיר ושבח לשמו יתברך הננו להודות בזה לאלפי אנ"ש על השתתפותם הנדיבה לכלכל הוצאות המוסד הקדוש "קביעות עיתים לתורה שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב ד'סאטמאר", אשר הודות לעזרתם המרובה נוכל בע"ה להמשיך הלאה בעבודת הקודש לפאר ולרומם קרן התורה בעירינו קרית יואל ולעלות מעלה עשרת מונים לטובת חברי קהלתינו הק'

**אמנם ברכה קובעת לעצמם, ברכה משולשת, למע"כ העסקנים החשובים**
**שעמלו בלי ליאות ברב אונים ואמיץ כח להצלחת ה"שותפות קאמפיין", ה"ה**

**האברך החשוב רץ כצבי וגבור כארי לעשות רצון אבינו שבשמים, ועומד הכן לנגדינו בכל עת ועונה**

## מוה"ר יואל (ברמ"י) הירש הי"ו

**חבר הנהלת קביעות עיתים לתורה**
**שערך מסיבה מפוארה בביתו לטובת ה"שותפות קאמפיין"**

**ואתו עמו העסקנים החשובים שהשליכו נפשם מנגד ימים ולילות**

**מו"ה יוסף מאיר כ"ץ הי"ו, ומו"ה ליפא ניימאן הי"ו, ומו"ה חיים צבי מיטטעלמאן הי"ו, ומו"ה יואל (ברא"מ) שווארץ הי"ו**

שסידרו מסיבה מפוארה לטובת ה"שותפות קאמפיין" בביהמ"ד בית ישראל ד'הוניאד

**מו"ה שמואל סופר הי"ו, ומו"ה יצחק אליעזר יאקאב הי"ו, ומו"ה אברהם נטע ווייס הי"ו, ומו"ה ישעי' בראך הי"ו, ומו"ה יוסף פנחס קעניגסבערג הי"ו**

שסידרו מסיבה מפוארה לטובת ה"שותפות קאמפיין" בהצענטראלע אפיס דקהלתינו הק'

## ברכה מיוחדת

ועל כולם אנחנו חייבים להודות להלל ולשבח את העסקן הנמרץ שהשקיע מיטב כשרונותיו כל הימים לרבות הלילות במשך שבועות שלימות, ולא חסך כל עמל וטירחא בזריזות יתירה ונפלאה, ה"ה

## מו"ה בנציון יצחק גאלדמאן הי"ו

**שעמד בראש ה"שותפות קאמפיין" על כל פרטיה ודקדוקיה**

אילו פינו מלא שירה כים עדיין לא יצאנו ידי חובתינו על כל החסד אשר עשו ועושים ויעשו לטובת מפעלינו הקדוש, ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלימה מעם ה', רב ברכות ושובע שמחות ומלא נחת בעדי עדיים וימלא ה' כל משאלות לבבם לטובה עד ביאת הגואל צדק ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו, בב"א.

**מפעל קביעות עיתים לתורה שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב**

מרדכי לייב גליק - יחזקאל וויינגארטן - חיים קארנבלי - חיים הערש גאלדבערגער - יואל (ברמ"י) הירש - יואל (בר"מ) בראך

ג"א מצטרפים: יושע טעללער, יו"ר התאחדות אברכים - יואל וויינבערגער, מנהל קביעות עתים לתורה



# וואס האט רביה"ק זי"ע געזאגט פונקט 50 יאר צוריק אויף נתניהו'ס רעדע?

## די איזראעלישע חוצפה און התגרות באומות שטייגט איבער אלע גרעניצן

*חכ"ם ל"ב*

פאריגן דינסטאג במדבר האט זיך דער ראש הממשלה פון מדינת ישראל ביבי נתניהו אויפגעשטעלט מיט א רעדע פאר'ן אמעריקאנער קאנגרעס, וואו ער האט אראפגעלייגט זיין שטעלונג בנוגע דעם לאנג ערווארטעטן "שלום" אויף וואס די וועלט לעכצט שוין דריי און זעכציג יאר, פונעם טאג וואס די מדינת ישראל קלאפאטע איז געבוירן.

די רעדע איז שטארק אפלאדירט געווארן אין די ציוני'סטישע גאס, סיי דאהי אין אמעריקע און סיי אין מדינת ישראל. אפילו חרדי'שע אידן זענען ליידער מיטגעכאפט געווארן מיט דער התפעלות וואס האט ארומגענומען ציוני'סטישע קרייזן פון די 'געלונגענע' רעדע, אין וועלכן נתניהו האט זיך געטרויט ארויסצוטרעטן פאר די אויגן פון דער גארער וועלט קעגן דעם אמעריקאנער פרעזידענט, און נישט פון זיין אייגענעם שטענדער נאר זאגאר פון אבאמא'ס אייגענע 'הויז', דער אמעריקאנער קאנגרעס.

שטייענדיג אויפ'ן זעלבן פלאץ און מיט'ן זעלבן פארמאט וואו פרעזידענט אבאמא פרעזענטירט געווענליך זיין צענטראלע יערליכע רעדע פאר'ן אמעריקאנער פאלק, האט זיך אויפגעשטעלט א טראציגער מדינת ישראל פרעמיער און עפנטליך דערקלערט קבל תבל ומלואה אז ער גייט אנפייפן דעם אמעריקאנער פרעזידענט.

ס'איז דאס סאמע ערשטע מאל אין אמעריקע'ס געשיכטע וואס א פירער פון א פרעמדע מדינה זאל אריינטרעטן אין אמעריקאנער קאנגרעס און דארט עפנטליך אויסרופן 'קריג' קעגן די פאליסיס פון אמעריקאנער פרעזידענט, און דערצו נאך ווערן אזוי אפלאדירט פון די אנוועזנדע קאנגרעס און סענאט מיטגלידער.

באמת דארף עס א הסבר, וויאזוי געשיקט זיך עס אז א אויסלענדישער פרעמיער מיניסטער זאל באווייזן אריינצושטעכן אזא מעסער אין רוקן פאר'ן אמעריקאנער פרעזידענט און די קאנגרעס מיטגלידער פון פרעזידענט'ס אייגענע פארטיי זאלן אים גאר אפלאדירן דערפאר?!

אדרבא, פרעגט אייך אליין, איז דען פאראן איין איינציגע טעמע אויף וועלכן אזויפיל קאנגרעסלייט און סענאטארן זאלן זיין איינשטימיג?! איז דען מעגליך אז אזויפיל געזעצגעבער איבער די לענג און ברייט פון פאליטישן ספעקטרום זאלן אלע מיטאמאל אויפנעמען מיט דורשט יעדעס ווארט פון א פרעמיער מיניסטער וועלכער האט פאקטיש גארנישט מחדש געווען אין זיין רעדע אויסער איבער'חזר'ן אלטע שאבלאנע 'פאקטן' און זיך קלאמערן מיט עקשנות צו זיין רעכטע פילאזאפיע - וואס איז קלאר אין קעגנזאץ צו די מיינונגען פון מערערע אנוועזנדע פאליטישאנס?!

* * *

כדי דאס אביסל בעסער צו פארשטיין לאמיר צוריקגיין מיט א דרייצן יאר.

אין מדינת ישראל זיצט יעצט אלס פרעמיער מיניסטער יצחק שמיר, אן אנדערער רעכטער שפארבערישער פאליטיקאנט. פרעזידענט רעיגען, א רעפובליקאנער/קאנסערוואטיווער פרעזידענט, איז געווען זיין לעצטן יאר אין אמט. אונטער אים האט געדינט אלס סעקרעטערי אוו סטעיט זשארדזש שולץ, פון די גרעסטע דיפלאמאטן אין זיין צייט.

פרייטאג תצוה ח' אדר תשמ"ח האט שולץ אפגעשטאט א באזוך אין מדינת ישראל. יענע צייט האט זיך שטארק געקאכט אין די וועלט מיט דעם לאנג פארצויגענעם שלום פראצעס צווישן מדינת ישראל און די פאלעסטינער. מ'האט געהאלטן אינמיטן ברען פון די ערשטע "אינטיפאדא" ווען נאנט צו 200 אידן זענען אומגעברענגט געווארן דורך די פאלעסטינער רוצחים, און אמעריקע ווי די איבריגע וועלט האבן פרובירט צו טון אלעס אין זייערע מעגליכקייטן צו ענדיגן די אומרוען.

יאסיר אראפאט, דער פי-על-או פירער, האט א וואך פריער אויפגעטרעטן אין די יו-ען. אראפאט האט נאכנישט געהאט אנערקענט דערווייל מדינת ישראל, אבער אמעריקע האט געלייגט אויף אים שטארקן דרוק אז ער זאל זיך ברעכן. דער פרא-איזראעלישער שולץ האט אויך געהאט א האנט אין עווענטועל באוועגן אראפאט צו ענדיגן די גewואלדטאטן און אנערקענען מדינת ישראל, אבער מאמענטאל איז ער אנגעקומען קיין מדינת ישראל כדי צו בעטן דעם הארטנעקיגן שמיר איינצוגיין אויף קאמפראמיסן למען השלום.

אמעריקע'ס אפיציעלע פאליסי איז דאן געווען אז מדינת ישראל דארף אננעמען די יו-ען רעזאלוציעס 242 און 338, וואס האט געלויטעט אז מדינת ישראל דארף אפגעבן די פארכאפטע טעריטאריעס פון תשכ"ז פאר די פאלעסטינער, און אין אויסטויש וועט די אראבישע וועלט אויפהערן איר לאנגיאריגן קאמף קעגן מדינת ישראל.

שולץ האט אבער געהאט א פראבלעם פון די ערשטע מינוט. ביים אראפטרעטן פון עראפלאן האט ער זאפארט דערקלערט אז מדינת ישראל דארף מאכן "באשלוסן פון היסטארישע פראפארצן" צו טוישן דעם סטאטוס קווא אין מיטל-מזרח, וואס האט שוין געהאט אפגעקאסט א צאל אידישע נפשות אין די דריי מאנאטן פון די אינטיפאדא ביז דאן. זיינע ווערטער האבן זיך אבער אנגעקלאפט אויף טויבע אויערן.

ווי דער ניו יארק טיימס האט דאן געשריבן: "די מיסיע קען אבער געשטרויכלט ווערן ביי איר ערשטער טריט, ווייל מר. שולץ'ס דארף צוערשט באוועגן פרעמיער מיניסטער שמיר צו לאזן אפן די מעגליכקייט פון אויפגעבן טייל אדער די גאנצע פונעם מערב ברעג און עזה פּאַס, וועלכע זענען געהאלטן אונטער איזראעלישער מיליטערישער אקופאציע זינט די מלחמה אין תשכ"ז. פון פרי אין דעצעמבער האבן ווילדע צוזאמשטויסן צווישן פאלעסטינער רעזידענטן פון די טעריטאריעס און איזראעלישע טרופן איבערגעלאזט מער ווי 60 פאלעסטינער טויטע. מר. שמיר האט געזאגט אין א ראדיא אינטערוויו "עס איז קלאר אז דער אויסדרוק פון 'טעריטאריע פאר שלום' איז נישט אקצעפטירט ביי מיר".

צווישן די וועלכע האבן געליינט דעם טיימס ארטיקל איז געווען דער 'אידישער' סענאטאר קארל לעווין, א שטארק איינפלוסרייכער דעמאקראט פון מישיגען, וועמען עס האט שטארק אויפגעברויזט די חוצפה פון איזראעלישן פרעמיער אזוי פרעך אפצואווארפן אמעריקע'ס פארלאנגען אויך אין אזא שווערע צייט, און ער האט באשלאסן צו נעמען שריט דערוועגן.

אינאיינעם מיט זיינס א אידישן געהילף, א געוויסער ראזענבערג, האט ער אויסגעארבעט א בריוו אדרעסירט צו סעקרעטערי שולץ אין וועלכן ער האט אויסגעדרוקט זיין פולע שטיצע פאר פרעזידענט רעיגען'ס צוגאנג צו פארלאנגען מדינת ישראל זאל אויפגעבן שטחים פאר שלום, און נאך אין יענעם פרייטאג נאכמיטאג האט ער באוויזן צו קריגן די אונטערשריפטן פון דרייסיג סענאטארן וועלכע האבן באשטעטיגט אז זיי שטיצן אויך דעם פרעזידענט'ס מיטל-מזרח פאליטיק.

דער בריוו איז געשיקט געווארן שב"ק, און איז פארעפנטליכט געווארן א טאג דערויף אלס די הויפט נייעס אינעם זונטאגדיגן טיימס, וועלכע האט געזען דערין א דראסטישן און זעלטענעם שריט ווען א צאל פון שטארקע פרא-איזראעלי סענאטארן, א שטייגער ווי עדווארד קענעדי, פעטריק מאינעהען, פרענק לאוטענבערג, און האוערד מעטצענבאום, אלע פייערדיגע דעמאקראטן, וועלכע זענען ארויס אין שטיצע פונעם רעפובליקאנער פרעזידענט און זיין סעקרעטערי אוו סטעיט.

רעיגען זעלבסט איז געווען שטארק גערירט און האט זיך שטארק באדאנקט פאר לעווין, א דעמאקראט, און א 'איד', פאר'ן נעמען די איניציאטיוו זיך ארויסצושטעלן אזוי פעסט אויף די זייט פונעם פרעזידענט. אבער מדינת ישראל האט געשוימט אויף דעם סענאטאר'ס 'חוצפה' פון אויסדרוקן זיין אייגענע מיינונג און די מיינונג פון צענדליגער אנדערע סענאטארן. הונדערטער עיפא"ק שטיצער האבן פארפלייצט די טעלעפאן ליניעס פון סענאטאר לעווין'ס אפיס מיט דראאונגען אפצושטעלן זייער שטיצע און נאכמער דערפון.

מאנטאג איז א הויכראנגיגער מדינת-ישראל-אמבאסאדע באאמטער אריבערגעקומען צום אפיס פון לעווין, וועלכער איז אינצווישן 'אנטלאפן' קיין מאסקווע נישט אנוועזנד צו זיין ווען דער איזראעלישער לאבי וועט זיך נעמען לייגן זיין געוועגליכער דרוק. ווען דער באאמטער האט געוואלט איבערגעבן שמיר'ס אפיציעלן פראטעסט קעגן דעם בריוו האט לעווינ'ס שטאב-הויפט אים פארגעווארפן אז אן אויסלענדישע רעגירונג האט נישט קיין רעכט זיך אריינצומישן אין אינערליכע אנגעלעגנהייטן פון א בריוו וואס אמעריקאנער סענאטארן האבן געשיקט צו אן אמעריקאנער סעקרעטערי. יענער באאמטער איז דאן געווארן אזוי ווילד אז עס האבן שיעור אויסגעבראכן ראיאטן דארט אין אפיס! און מ'האט אים געמוזט ארויסווארפן מיט געוואלד.

יענעם נאכמיטאג האט דער אויבנדערמאנטער געהילף, ראזענבערג, באקומען א שאקירנדן רוף פון נישט קיין אנדערן ווי וויליאם סאפיר, איינער פון די איינפלוסרייכסטע זשורנאליסטן אין זיינער צייט און דער הויפט ניו יארק טיימס קאלומניסט. סאפיר איז געווען א איד, רעכט געשטימט און נאנט פארבינדן מיט מדינת ישראל ליכוד באאמטע. סאפיר האט געזאגט פאר ראזענבערג אז ער האט באקומען קראנטע אינפארמאציע אז ער איז דער וועלכער שטייט אונטער דעם בריוו, און אז ער גייט אים אונטערברענגען דערפאר!

## רביה"ק זי"ע ווארנט, פונקט 50 יאר צוריק:

און ס'שטייט לא תעמוד על דעם רעך! און מ'שווייגט! מ'זאל גוט קוקן הארעווען זיי אין אמעריקע אויך אנצוארבעטן אנטיסעמיטיזם, אזוי ווי זיי האבן געהארעוועט אין יוראפ! מ'דארף גרויס רחמים אז זיי זאלן עס נישט חלילה דערגרייכן, ווארן מיט עזות מיט מלשינות קאן מען חלילה אלעס דורכזעצן.
מ'זאל גוט קוקן וועט מען זען!

(ד' נשא, ט' סיון, תשכ"א)

ווי סאפיר האט שפעטער אויסגעזאגט האט ער באקומען אינפארמאציע פון נישט קיין צווייטן ווי ביבי נתניהו, דאן מדינת ישראל'ס יו-ען אמבאסאדאר, אז דער לינק-גענייגטער ראזענבערג איז דער וואס האט אנגעדרייט לעווין צו שרייבן דעם בריוו, און לויט נתניהו איז עס געקומען אויף די איניציאטיוו פון שמעון פערעס, דער פירער פון די לינקע "עבודה" פארטיי און די אפאזיציע אין מדינת ישראל, וועלכער האפט דורך דעם בריוו אונטערצוגראבן שמיר און אים ארויסווארפן פון פרעמיערשאפט.


וויפיל אידישע קינדער דארפן אומקומען רח"ל כדי צו קענען אנהאלטן דעם טרעילאר אין מדבר?

אין אנדערע ווערטער, אויב די קאנספיראציע וואלט געווען ריכטיג און סאפיר וואלט דאס פארעפנטליכט, איז ראזענבערג קאפוט. די ערגסטע זאך וואס מ'קען באשולדיגן עמיצן אין וואשינגטאן איז דאס נוצן 30 אמעריקאנער סענאטארן אלס שיק-יונגלעך צו באאיינפלוסן אויסלענדישע פאליטיק.

ראזענבערג דערציילט היינט די געשיכטע און שילדערט ווי ער איז געבליבן פארשטיינערט. ער האט סך הכל געטון זיין ארבעט אלס געטרייער געהילף צו סענאטאר לעווין, און דא גייט א מדינת ישראל באאמטער נוצן זיין איינפלוס אינעם ניו יארק טיימס צו באגראבן זיין קאריערע, פאר גארנישט און נישט, בלויז ווייל ער וויל אזוי פארוואסערן דעם מאכטפולן איינדרוק פון לעווין'ס בריוו!

עווענטועל איז געלונגען פאר ראזענבערג צו איבערצייגן סאפיר אז די געשיכטע איז אויסגעזויגן פון פינגער און ער האט עס נישט פארעפנטליכט. דער געמיינער שאנטאזש איז אבער א שטארקער ביישפיל וויאזוי מדינת ישראל נוצט אלע אירע פארצווייגטע קאנטאקטן צו לייגן דרוק אויף יעדן איינציגן פאליטישאן וועלכער טרויעט זיך נישט צו גיין אין שפאן מיט די ליניע פון די מדינת ישראל רעגירונג.

און דאס איז איין ביישפיל, נישט פון הונדערטער, נאר פון ממש טויזנטער אזוינע אינצידענטן. די אמעריקאנער אידן באטרעפן טאקע א נישטיגע 5% פון די אמעריקאנער באפעלקערונג, אבער אדאנק זייער פינאנציעלע מאכט באווייזן זיי אויסצודרוקן אומגעהויערן איינפלוס, און דאס רופט זיך אויך אפ אויף זייערע אויסטערליש-טיפע ווארצלען אינערהאלב די אמעריקאנער מידיא, וואס העלפט זיי פארעמען דעם דעת הקהל.

עס זענען פאראן אומצאליגע ביישפילן וויאזוי פאליטישאנס וועלכע האבן געוואגט צו זאגן אנדערש ווי ס'האט געשמעקט פאר מדינת ישראל האבן זיך בליץ שנעל געטראפן אינדרויסן פונעם פאליטישן סיסטעם. מער ווי איינמאל האט עיפא"ק און אנדערע פרא-איזראעלישע לאבי'ס רעקרוטירט קאנדידאטן צו לויפן קעגן סענאטארן און קאנגרעסלייט וועלכע האבן זיך געטרויט צו זאגן זייער מיינונג. קאנגרעס פארמעסטן אין פארשטויסענע עקן לאנד מיט 0 אידישע וויילער זענען אנטשידן געווארן לויט זייער שטיצע אדער געגנערשאפט צו מדינת ישראל! צי ס'איז געווען מיט פינאנציעלע שטיצע, צי מיט מידיא איינפלוס, אד"ג.

ס'איז דעריבער בלויז נאטורליך אז ווען דער מדינת ישראל פרעמיער מיניסטער קומט אין קאנגרעס וועלן כמעט אלע קאנגרעסלייט און סענאטארן זיכער מאכן אנוועזנד צו זיין, און אפלאדירן ווען אימער מ'הייסט זיי. ס'לוינט זיך זיי ענדערש צו קלאטשן יעצט ווי איידער צו קלאפן קאפ אין וואנט שפעטער.

דער פראבלעם איז אבער אז דאס קען נישט אנהאלטן אויף אייביג. פריער אדער שפעטער וועט זיך יאווען דער פאליטישאן וועלכער וועט זיין גרייט איינצושטעלן זיין גאנצע פאליטישע קאריערע און זיך ארויסשטעלן איינמאל פאר אלעמאל זאגן דעם גאנצן אמת, אז מדינת ישראל איז נישט מער ווי אן איבריגע קלאפאטע פאר אמעריקע, וועלכע צאפט אויס ביליאנען דאלארן אין דירעקטער און אומדירעקטער הילף, אינאיינעם מיט אן אומגעהויערן וואפן זאפאס וואס ווערט גענוצט קעגן די אראבישע מאסן און רייצט זיי נאכמער אויף קעגן מדינת ישראל.

אויב אמאל, דורכאויס די קאלטע קריג, האט זיך געלוינט פאר אמעריקע אנצוהאלטן אירע נאנטע באציאונגען מיט מדינת ישראל אלס קאנטער-באלאנס צום רוסישן איינפלוס אינעם הייסן ראיאן, וואס איז עווענטועל געגאנגען צו די אראבער, זענען יענע צייטן

שוין אדורך.

שוין געענדיגט די תקופה וואס אמעריקאנער זענען גרייט געווען צו צאלן סיי וואספארא סומע און סיי וועלכן פרייז אויף צו קענען באזיגן, צי אפילו נאר אפשוואכן, די רוסישע בעסטיע. אמעריקא האט היינט



טויזנטער אראבער פאראזאמלט ביי די סירישע גרעניץ מיט מדינת ישראל ביי די טויטליכע פראטעסטן זונטאג בהעלותך, מיט קיין רעדע אין קאנגרעס וועט מען פון זיי נישט פטור ווערן

צוויי פראבלעמען אויף איר געוויסן: די עקאנאמיע, און מוסולמענער טעראר.

פאר ביידע די דאזיגע פראבלעמען איז מדינת ישראל א גענצליך איבריגע לאסט, און די צוויי זענען ענג פארבינדן. אמעריקע'ס עקאנאמיע איז פאר די לעצטע 100 יאר אנגעוואנדן אין צוטריט צו ביליגן אויל, און אמעריקע'ס נאנטשאפט מיט מדינת ישראל איז א פראבלעם אין דער הינזיכט. שוין אפגערעדט אז מוסולמענער טעראריסטישע צעלן שפייזן זיך אין גרויסן טייל אויף דעם איינגעווארצלטן אראבישן האס קעגן מדינת ישראל און איר שיצער: אמעריקע.

עס אנטפלעקן זיך היינט אויף די לענג און ברייט פון פאליטישן ספעקטרום טיפע שפאלטן אין די פעסטע שוץ וואנט וואס אמעריקע איז גרייט געווען ביז היינט אויפצובויען ארום מדינת ישראל. ס'דערקענט זיך טאקע נאכנישט אויף'ן פאליטישן האריזאנט, פארט שווער אויסצורייסן א 60 יאריגע איינגעווארצלטע פריינטשאפט פון איין טאג אויף'ן צווייטן, אבער ביים המון עם הערט מען שוין היינט גאר אנדערע זמירות ווי אמאל, און ס'איז אומפארמיידבאר אז מ'זאל עס עווענטועל אנהייבן צו זען און הערן אויך אויף'ן פאליטישן פראנט.

נעמט למשל דעם אויבנדערמאנטן געהילף ראזענבערג. אלס 'איד' איז ער אלעמאל געווען א שטיצער פון מדינת ישראל, טאקע לינק געשטימט אבער נאך אלץ פרא-איזראעל. אבער אדאנק די געשיכטע מיט סאפיר איז ער היינט צו טאג אזא אויסגעשפראכענער פיינט פאר מדינת ישראל אז די אראבישע אל-זשאזירא האט אים אויפגענומען אלס רעגלמעסיגער קאלומניסט, און זיינע גיפטיגע ארטיקלען שאטן פאר מדינת ישראל פיל מער ווי יענער סענאטאר-בריוו!

מ'דארף נישט קוקן ווייטער ווי פרעזידענט אבאמא.

ס'איז גרינג פאר עמיצן וואס וויל זיך באהאלטן ווי די בת היענה אוועקצומאכן אבאמא'ס איינפלוס איבער אמעריקע און זיך איינהילן אין די אפלאדיסמענטן וואס נתניהו האט באקומען אין קאנגרעס, ספעציעל אויב מ'הערט צוריק די קלאנגען פון די קאנסערוואטיווע פרעדיגער וועלכע האבן זיך מחי' געווען צו זען וויאזוי ס'קומט זיך אן א מחוצף פון איבער'ן אטלאנטיק און טוט פאר זיי די שמוציגע ארבעט, אבער פאקטיש איז אבאמא'ס שטיצע פיל טיפער ווי זיי ווילן אנערקענען.

אבאמא איז געלאפן אויף א פלאטפארמע פון דערנענטערן אמעריקע צו די איבריגע וועלט, און טראץ די עמערס ליצנות וואס די רעפובליקאנער האבן געווארפן אין זיין ריכטונג איבער זיין נאאיוויטעט אין די טעמע האט עס פאקטיש געשלאגן ווארצלען ביי א ריזיגע צאל אמעריקאנער, ספעציעל די ליבעראלן. אפגעזען צי אבאמא איז יא א פאפולערער פרעזידענט צי נישט, איז די דאזיגע טעמע פון דערנענטערן אמעריקע צו די וועלט אויסטערליש פאפולער ביי די מאסן.

ווען אבאמא האט זיך יעצט אויפגעשטעלט א דאנערשטאג פאר ביבי'ן צו דערקלערן אז מדינת ישראל דארף זיך צוריקציען ביז די תשכ"ז גרעניצן (די א.ג. 67' גרעניצן) איז דאס געווען אין איינקלאנג מיט זיין וועלט פילאזאפיע פון דערנענטערן אמעריקע צו די איבריגע וועלט. דהיינו?

היות ווי ס'דערנענטערט זיך דער טאג וואס מוכאמעד אבאס פלאנט ארויפצולייגן ביי די יו-ען אויף'ן טיש א פארלאנג צו באשטעטיגן פאלעסטינע אלס א געזעצליך לאנד, וואס אויב עס ווערט אנגענומען וועט דאס אויסטערליש שטארק שאטן פאר מדינת ישראל און דורך איר פאר אמעריקע, צוליב מערערע סיבות. וואו ס'האלט יעצט איז ממש די גאנצע וועלט מסכים אנצונעמען דעם פארשלאג, און דער איינציגער וועג דאס אפצושטעלן וועט נאר זיין דורך וואס אמעריקע וועט ארויפלייגן א וועטא אין זיכערהייט'ס ראט אפצושטעלן די אפשטימונג דערוועגן.

אויב ס'וועט קומען דערצו וועט אמעריקע עס מוזן טון בלית ברירה, אבער דאס וועט גענצליך צושמעטערן דעם אימעדזש וואס אבאמא האט פאריזיכטיג פרובירט אויפצובויען אין די לעצטע יארן כאילו אמעריקע וויל זיך שוין איבערבעטן מיט די אראבישע וועלט, יעדעס ביסל גוטן-ווילן וואס ער האט זיך איינגעקויפט וועט טאטאל אונטערגייען די מינוט וואס אמעריקע'ס יו-ען אמבאסאדאר דריקט אראפ דעם וועטא קנעפל.

פארצווייפלט האט אבאמא געזוכט א וועג ארויס. איז ער געקומען אויף אן המצאה, ער וועט אויסשטרעקן א ביינדל פאר פאלעסטינע דורך עמטליך דערקלערן אז מדינת ישראל דארף צוריקגיין צו די 67' גרעניצן מיט געוויסע טוישונגען - עפעס וואס איז אמעריקע'ס אפיציעלע פאליסי שוין יארן לאנג, אבער איז נאך קיינמאל נישט עמטליך דערקלערט געווארן דורך א 'פרעזידענט' - און אזוי געווינען די פאלעסטינער אז זיי זאלן נאכגעבן זיין פארלאנג אפצולייגן דאס בעטן די יו-ען אפשטימונג.

זיין חשבון איז געווען אז אפילו אויב די פאלעסטינער וועלן נאך אלס נישט מסכים זיין אפצושטופן די יו-ען פארלאנג וועט ער פארט קענען אנווייזן אז ער האט פרובירט זיי קעגנצוקומען נאר זיי האבן נישט געוואלט זיך ברעכן, און במילא קענען ארויפווארפן די שולד אויף די פאלעסטינער ווי איידער אמעריקע/מדינת ישראל. ער האט אויך געהאפט אז אפשר אויף דעם וועג וועט ער קענען טרעפן כאטש איין אנדערע לאנד וואס זאל מיטשטיין מיט אמעריקע'ס וועטא און אים נישט לאזן




נתניהו זאגט אז די תשכ"ז גרעניצן זענען אומפארטיידיגבאר. די מאפע ווייזט אבער אז חיזבאללא מיסילס קענען שוין היינט צו טאג גרייכן כמעט גאנץ אר"י, רח"ל. וואס טויג אים די תשכ"ז גרעניצן קעגן די מיסילס?

אליין אויף'ן וואסער.

למעשה האט אבער דער ראדיקאלער און אויסגעשפראכענער נתניהו צעווארפן די קארטן. מיט אן אויסטערלישע מאס חוצפה האט ער זיך אוועקגעזעצט פארנט פון די וועלט'ס אויגן אין ווייסן הויז און זיך גענומען געבן א 'לעקציע' פאר אבאמא, ממש ווי א מלמד אין חדר פאר א ווידערשפעניגן אינגל. די איינציגע אנדערע וועלט פירער וועלכער האט זיך אפשר ערלויבט אזוי צו רעדן צום פרעזידענט אין ווייסן הויז זענען געווען די רוסישע פירער אין ברען פון קאלטן קריג! קיינמאל

>> פארזעצונג אויף זייט 25

כולל שומרי החומות
לצדקת רבי מאיר בעל הנס
ממלכת התורה והחסד אבי המוסדות ואם הצדקות

# כולל שומרי החומות
# לצדקת רבי מאיר בעל הנס

*Kiryas Yoel Branch:* 15 Garfield Rd # 103 Monroe NY 10950 - 845-774-7330

## קרן אלמנות - אלטא פרומעט פעסיל
ע"ש האשה החשובה אלטע פרומעט פעסיל ב"ר בנציון (ווייס) ע"ה

## מודעה חשובה
דערמיט זענען מיר מודיע אז אונזער

# יעהרליכע קרן אלמנות פארטי

וועט פארקומען אי"ה

**מיטוואך פ' חוקת,**
**כ"ז סיון תשע"א לפ"ק**
**Wednesday June 29 '11**

אין זאל פון
## קרן ויואל משה

די היי יעהריגע פארטי וועט זיין געווידמעט לע"נ האשה החשובה
מרת **אסתר** ב"ר משה ע"ה **ביקעל**

**א רייכער פראגראם ערווארט אייך**
פאלגט נאך וייטערדיגע מודעות

**ביטע האלט פריי דעם דאטום**

אלקא דמאיר ענני
**לעדיס אקזולערי**
**כולל שומרי החומות**
סניף קרית יואל

ROYAL IMAGE | DESIGN - 718-218-6700

בית הוראה
דקרית יואל
שע"י קהל יטב לב דסאטמאר - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
בהנהלת הגה"צ הרמ"ץ שליט"א

חדרי הוראה • הדרכה לחתנים • מפעל בית נאמן • חדר הוראה הל' רבית • משמרת כת"ם • שיעורי הלכה

# מזלא טבא וגדיא יאה

מלא כסי דברכתא, ושבח דא שירתא, נשגר בזה אל מע"כ העסקן הנמרץ מראשי העסקנים בקהלתינו הק' זה רבות בשנים, משליך נפשו מנגד לטובת חברי קהלתינו הק' ובמיוחד מוסר נפשו במיטב כשרונותיו למען ה"בית הוראה דקרית יואל" שע"י קהלתינו הק', לא יחסוך כל עמל וטירחא להצלחת ושגשוג הבית הגדול והקדוש הזה בכל מה דאפשר ובכל מילי דמיטב, ה"ה

**הרה"ח מוה"ר בנציון**
**אליהו זאלדאן הי"ו**
**חבר הנהלת "בית הוראה דקרית יואל"**

**לרגל שהשמחה במעונו באירוסי**
**בנו המו"מ בתורה ויראת שמים שיחי'**

עב"ג, בת הרה"ח ר' **מנחם**
**מאיר גליק** שליט"א
מחשובי ק"ק סאטמאר וויליאמסבורג

ויהא רעוא מן קדם שמיא שמשמחה זו יושפע עליו שפע רב, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא, וזכות החזקת התורה יעמוד עליו חסד קל כל היום, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, עדי נזכה כולנו לעלות עיר ה' שמה בביאת משיח צדקינו, ומלכינו בראשינו, בב"א.

הנהלת בית הוראה ד'קרית יואל

**אלימלך הכהן דייטש - יצחק מיטעלמאן**
**יוסף צבי בנעט - יוסף מרדכי רובין**
**יואל יצחק שטערן**

---

מפעל
קביעות עתים לתורה
שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב - קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

ביהמ"ד הגדול • ביהמ"ד אבני צדק • ביהמ"ד אהל פיגא • ביהמ"ד בית מרדכי • ביהמ"ד ישמח משה • ביהמ"ד בית ברוך • ביהמ"ד ברך משה • ביהמ"ד ויואל משה • ביהמ"ד דברי חיים • ביהמ"ד עטרת זקנים • ביהמ"ד בית דוב • בית שמואל בנימין

16 Garfield Road, Monroe, NY 10950 • 845-774-4040 #107

# מזלא טבא
# וגדיא יאה

מלא כסי דברכתא, ושבח דא שירתא, נשגר בזה אל מע"כ העסקן הנמרץ המהולל בתשבחות וכתר שם טוב עולה על פי מדותיו, אהוב לשמים ונחמד לבריות, עושה ומעשה יומם ולילה לטובת לימוד התורה בעירינו, ובמיוחד קיבל על עצמו לסדר שיעורים וחברותות למאות בימי סוף השבוע ויומי דפגרא שעלה והצליח למעלה ראש, ה"ה

**הר"ר שלמה הערש**
**קארנבלי הי"ו**
**גבאי נאמן "מפעל קביעות עיתים לתורה"**

**לרגל שהשמחה במעונו בהולדת בתו שתחי'**

ויהא רעוא מן קדם שמיא שמשמחה זו יושפע עליו שפע רב, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא, וזכות הרבצת התורה יעמוד עליו חסד קל כל היום, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, עדי נזכה כולנו לעלות עיר ה' שמה בביאת משיח צדקינו, ומלכינו בראשינו, בב"א.

הנהלת מפעל קביעות עיתים לתורה
שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב

**מרדכי לייב גליק - יחזקאל וויינגארטן**
**חיים קארנבלי - חיים הערש גאלדבערגער**
**יואל (ברמ"י) הירש - יואל (בר"מ) בראך**

**ג"א מצטרפים:**
**יושע טעללער,** יו"ר התאחדות אברכים
**יואל וויינבערגער,** מנהל קביעות עתים לתורה

# אין דער וועלט פון כשרות



אינפארמאציע צוגעשטעלט דורכ'ן "ועד הכשרות דקהל יטב לב ד'סאטמאר"

#2

# מה נשתנה...

## פארוואס איז פארענדערט געווארן דער מצב אין כשרות אין די לעצטע יארן?

*אין די פאריגע אויסגאבע האבן מיר אביסל ציטירט מפי ספרים וסופרים פארשידענע טעמים פארוואס דער רבש"ע האט אזוי אויסגעשטעלט אז היינט צו טאג איז דא פיל מער ווערים ווי אמאל אין די פירות און גרינצייג, אין דעם פאלגנדן ארטיקל ווילן מיר בעיקר אריינגיין אין די גשמיות'דיגע זייט, און מסביר זיין ווי ווייט דער מציאות האט זיך געטוישט פון אמאל, און פארוואס ס'איז היינט אזוי שווער - און דערפאר, אזוי וויכטיג - נזהר צו זיין פון אריינעמען ווערים אין מויל.*

### #1 מאדערנע טראנספארטאציע

נישט אזוי לאנג צוריק האט זיך יעדע לאנד אויסגעצייכנט מיט זיין געוויקס. ווען איינער האט געוואלט געניסן פון טערקישע מילגרוימען האט ער געמוזט פארן קיין טערקיי, דאס זעלבע מיט געווירצן פון אינדיע, טרויבן פון מאראקא, מאראנצן פון שפאניע, און אזוי ווייטער.

היינט איז געווארן א וועלט וואו יעדער קען באקומען פון אלעס איבעראל. גרעניצן זענען פארשווינדן און מ'קען אנקומען פון איין עק וועלט צו די אנדערע אין ווייניגער ווי 24 שעה. דאס האט געברענגט אויף דער וועלט א שפע וואס זי האט נאך קיינמאל נישט געזען, אבער פון די אנדערע זייט האט עס אויך געברענגט א שפע פון ווערים פון איבעראל.

אין מציאות זענען די ווערים היינט צו טאג אזוי שטארק צושפרייט, אז די וועלט'ס רעגירונגען האבן אויך אנערקענט אין דער וויכטיגקייט פון ערלויבן א געוויסע מאס אינזעקטן אין די געוויקסן, דען עס וואלט געברענגט א אויסטערלישן שאדן פאר די פארמער אויב זיי וואלטן געברויכט פארניכטן אלע אינזעקטן.

אין אמעריקע, צום ביישפיל, האט די רעגירונג פארעפנטליכט די פאלגנדע רעגולאציעס, איבער די מאס ווערים וואס ווערן ערלויבט זיך צו געפינען אין די פראדוקטן:

- אספאראגוס, איז ערלויבט די מאס פון 40 טריפ'ס פער יעדע הונדערט גראם.
- בראקאלי, איז ערלויבט די מאס פון 60 טריפ'ס/מיט'ס פער הונדערט גראם.
- ספינאטש, איז ערלויבט די מאס פון 50 טריפ'ס/מיט'ס/עפיד'ס פער הונדערט גראם.

דאס מיינט אז א געוועהנליכע מאלצייט באשטייט פון א שיינע פאר הונדערט אינזעקטן, און דאס איז שוין וואס עס איז "ערלויבט"...

הרה"ג ר' משה וויא שליט"א פון ארץ ישראל, וועלכער האט ארויסגעגעבן דעם וואונדערבארן ספר "בדיקת תולעים", האט געזאגט אמאל אין א דרשה, אז ווען מיר וואלטן געקענט עסן די געוויקסן לויט ווי עס איז "ערלויבט" פון די רעגירונג, וואלט מען ליבערשט געדארפט מאכן אויף זיי א שהכל ווי איידער א בורא פרי האדמה...

### #2 מאדערנע סטארעדזש

מיט די היינטיגע טעכנאלאגישע מעגליכקייטן איז געווארן גאר גרינג אוועקצולייגן עסן אויף א לאנגע צייט. דער גרעסטער טייל פון פרוכט און גרינצייג וואס קומט אן אין די געשעפטן איז שוין אלט א שיינע שטיק צייט, און ס'איז נאך אלץ ראוי לאכילה.

פון די אנדערע זייט אבער איז א באקאנטער נאטורליכער פאקט אז וואס לענגער א זאך שטייט אלס מער ווערים און אינזעקטן כאפן זיך אריין דערין אדער ווערן גאר דארט געבוירן. פאר די רעגירונג גייט עס נישט אן וויבאלד זיי ערלויבן ביז א געוויסע מאס ווערים, אבער פאר אידישע קינדער קען עס באדייטן צענדליגער אויב נישט הונדערטער לאוין, רח"ל.

### #3 אויפגעהערט צו באשפריצן די פעלדער

טאקע צוליב די דאזיגע סיבות האט די מאדערנע אגריקולטור אנטוויקלט פארשידענע סארט שפריצונגען און סמ'ען וואס זיי האבן גענוצט אויף די פעלדער קעגן די אינזעקטן, וואס האט אנהויב פון די מאדערנע רעוואלוציע - ביז בערך די תש"ל יארן - טאקע פארמיטן גאר אסאך אינזעקטן און רעדוצירט פעלדער פארפעסטיגונג צו א שטארקן מינימום.

אין די לעצטע בערך 30 יאר אבער האט די רעגירונג געטוישט איר פאליסי. זיי האבן באשלאסן אז דער געזונטהייט שאדן פאר מענטשן פון די דאזיגע סמ'ען איז צו גרויס, און במילא שפריצט מען היינט גאר ווייניג אין פארגלייך צו אמאל, וואס האט צוריקגעברענגט מער אינזעקטן.

### #4 אלעס איז געפאטשקעט

פארשווינדן זענען די צייטן ווען א מאראנץ איז געווען א מאראנץ און א טרויב איז געווען א טרויב, היינט מישט מען און מ'עקספערימענטירט מיט אלערליי פלאנצונגען. וויסנשאפטלער זיצן טאג און נאכט אויסצוארבעטן נייע סארט פיינעפל; וועיץ; מאראנצן; און אזוי ווייטער אין יעדן איינציגן פעלד פון אגריקולטור, זיי פאטשקען ארום מיט דער געטליכער נאטור כדי צו פארגרעסערן זייערע פראפיטן.

אבער אינמיטן פאטשקען ברענגען זיי אויטאמאטיש אויך נייע ערליי אינזעקטן, פאר יעדע נייע פרוכט אדער גרינצייג דארף מען זיין גרייט פאר א פרישע סארט אינזעקט, און דאס אלעס קלאפט אן ביי אונז אויף די טיר אין שיין געפאקטע פעקלעך.

### #5 מ'עסט מער ווי אמאל, מ'ווייסט ווייניגער

וויפיל פון אונזערע עלטערן האבן געוואוסט וואס מיינט פיינעפל?! קוים אן עפל האט מען זיך אמאל פארגינען.

אמאל האט יעדער דארף און יעדער פארעם געוואוסט פונקטליך וואס ס'וואקסט ביי אים אין הויף, ער האט געוואוסט וואספארא ווערים דארט צו זוכן און וואס צו ערווארטן. עלטערן האבן עס איבערגעגעבן צו קינדער און אזוי איז מען אויפגעוואקסן וויסנדיג פונקטליך פון וואספארא אינזעקטן זיך אויסצוהיטן.

היינט צו טאג טרעפט מען ב"ה א שפע פון פרוכט און גרינצייג אויף די געשעפט פאליצעס, אבער דאס האט געברענגט מיט זיך א שטארקער חסרון ידיעה אין וואס צו זוכן און וואספארא ווערים מ'קען טרעפן אין יעדע ערליי עסנווארג.

ב"ה אז לעצטנס איז געווארן א שטארקע אויפוואכונג אין דעם ענין, וואס מיר האפן צו העלפן אנצוהאלטן אויף ווייטער.

Kiryas Joel
**KASHRUS DIVISION**
of Cong. Yetev Lev

**ועד הכשרות**
דקרית יואל
שע"י קהל יטב לב דסאטמאר

16 Garfield Rd. #102 • Mailing Address: 51 Forest Rd. #316-21 Monroe N.Y. 10950 • 845-774-4040#108 • Fax 845-783-2684

**חברי הועד:**
הרב ברוך טייטלבוים שליט"א
יושב ראש
הרב מאיר סימאן שליט"א
הרב חיים בעריש פילאפף שליט"א
הרב שלמה זלמן וויינבערגער שליט"א
הרב יושע זלמן ווערצבערגער שליט"א
הרב שמואל דוד גאנדל שליט"א
הרב וואלף אהרן טעלער שליט"א

בס"ד

סיון תשע"א

# אויפקלערונג בנוגע די גראסערי'ס

זעענדיג אז אסאך זענען זיך טועה און מיינען אז אלע פראדוקטן וועלכע ווערט פארקויפט אין די גראסערי'ס זענען מאושר דורכ'ן ועד הכשרות אז עס איז כשר לכתחילה, על כן ווילן מיר אויסשמועסן די פאלגענדע פונקטן:

**השגחת וועד הכשרות**

1. די השגחה פון 'ועד הכשרות' איז נאר אויף די אייטעמ'ס וועלכע ווערן געמאכט און צוזאמגעשטעלט אין סטאר, און האבן אונזער זיגל.
2. פראדוקטן וועלכע ווערן פארקויפט מיט א אנגעגעבענעם הכשר איז אויפן אחריות פונעם רב המכשיר און פונעם קאסטומער. מיר האבן נישט קיין שום איבערזיכט אויף די היימישע השגחות ווי ווייט עס איז אויסגעהאלטן.
3. די "ריפעקינג סיסטעם" ווערט באגלייט אז עס זאל -ווי ווייט מעגליך- נישט פאסירן קיין טעותים.
4. אויך טוען מיר איבערקוקן -ווי ווייט מעגליך- עס זאל נישט אריינקומען א אייטעם וועלכע ס'איז נישט כשר, (אדער וואס האט נישט קיין היימישע בעל מכשיר). אדער ווי צ.ב.ש. פרוכט פון ארץ ישראל וועלכע האבן א חשש פון טבל וכדו', אדער ירקות וואס מ'קען נישט בודק זיין.

**גרינצייג**

געוויסע גרינצייג טאר מען נישט עסן נאר נאך א גרינטליכע בדיקה, על כן טוען מיר מודיע זיין די פאלגענדע:

- פרישע בראקעלי און קאליפלאוער: די קעפ טאר מען נישט עסן (מ'קען עס כמעט נישט בודק זיין), די שטעקעלעך קען מען עסן נאר נאכ'ן גוט אפוואשען און איבערקוקן (עס ווערט פארקויפט נאר פאר די שטעקעלעך אדער עס אריינצולייגן אין א זופ מיט א נעט בעג!!).
- צוויבל, סעלערי א.א.וו. דארף מען באקוקן פון ווערים (ובפרט יעצט אין די אנהייב זומער סיזען).
- אלגעמיינע ראמעין לעטעס (נישט מיט א השגחה), אזוי אויך פרישע קרויט בלעטער, דארף גרונטליך ווערן באקוקט פון שרצים (עפיד'ס, מייט'ס, טריפ'ס), מ'טאר דאס נישט עסן, נאר נאך וואס א מומחה איז דאס בודק.

**בעיבי פוד**

- **בעיבי פארמולע** דאס בעסטע איז צו ניצן מיט א היימישע הכשר, פארווע פאודער (OU-Parve) איז אויך גוט. קינדער וואס מוזן נעמען די פארמיולע milk based - וואס איז חלב עכו"ם -(ווייל זיי פארנעמען שווער אנדערע פארמיולעס) זאלן נוצן די וואס האט א OU-D, ווייל די אנדערע קאמפעניס קען זיין טריפה ממש, ווען א דאקטאר הייסט נעמען דירעקט די אנדערע, זאל מען פרעגן א מורה הוראה.
- **רעדי בעיבי פוד** וואס קומט אין קליינע דזשארס, דארף האבן א גוטע השגחה, די וועלכע פארמאגן נישט קיין היימישע השגחה <u>איז נאר פאר בעיבי'ס וועלכע קענען נישט עפעס אנדערש</u>, אבער נישט סתם אזוי (און אויך נישט ווען מ'באקומט עס פון WIC...).
- **טרוקענע בעיבי סיריעלס** פון Beech Nut אדער Gerber מעג מען נוצן.

בכבוד רב: **וועד הכשרות קרית יואל**

**K. J. KASHRUS DIVISION ☐ וועד הכשרות דקרית יואל**
Kiryas Joel Kashrus Division




### די גלארייכע היסטאריע פון:

# "קהילת חאלאב [ארם צובא]", סיריע

**א שוהל וואס איז געבויט געווארן דורך יואב בן צרויה • א קהלה וואס שטייט שוין נאנט צו דריי טויזנט יאר • אן ארון וואו ס'איז אפגעהיטן געווארן הונדערטער יארן א זעלטענער כתב יד וואס די גאנצע וועלט האט געוואלט זעהן, דער "כתר ארם צובא".**

מ.ב.

#2

***פארזעצונג פון פריער:***

*אין יענע תקופה טרעפט מען אויך אין חאלאב עטליכע וועלט בארימטע תלמידי חכמים. צווישן זיי איז רבי ברוך ב"ר יצחק, וואס בלויז געציילטע אויסצוגן פון זיין פירוש על הש"ס זענען פארבליבן אין אונזערע הענט. און וואס זיינער א משפחה מיטגליד, רבי ברוך ב"ר שמואל מארץ יוון, איז געקומען צו פארן פון אזוי ווייט ווי שפאניען צו לערנען מיט אים בחברותא יארן לאנג. טייל היסטאריקער שרייבן אויך צו דעם גאון רבי זכרי' בן ברכאל - וועלכער האט פאר א קורצע צייט אנגעפירט די ישיבה אין בבל נאך די פטירה פון זיין רבי'ן און שווער רבי שמואל בן עלי, און איז באקאנט צוליב זיינע שארפע ויכוחים מיטן רמב"ם - אז ער איז אן אפשטאמיגער פון חאלאב.*

די זעלבע צייט האט דארט אויך געווירקט רבי יהודה ב"ר אלעזר הכהן אלמאנדרי, וועמענ'ס טיפזיניגע פירושים על הש"ס און אויפן רי"ף זענען פארשפרייט געווארן נישט בלויז אין סיריע, נאר זאגאר ביז די ווייטע דייטשלאנד, פראנקרייך, שפאניע, און איבעראל וואו ס'האבן זיך געפינען גרויסע תורה צענטערן און די גרעסטע גדולים פון יענעם דור, וואס זאגט אסאך עדות אויף די טיפקייט און גרונטליכקייט פונעם מחבר. ביז'ן היינטיגן טאג קען מען טרעפן טייל פון זיינע פירושים אריינגעדרוקט אין ווילנא'ער ש"ס.

ס'דארף אגב באמערקט ווערן אז אין זעלבן יאר וואס דער רמב"ם איז געבוירן איז די שטאט חאלאב באטראפן געווארן פון אן אויסטערליש שטארקן ערדציטערניש, וואס היסטאריקער באצייכענען ווי דער פערט-שטארקסטער ערדציטערניש אין די וועלט'ס היסטאריע! ס'איז נישט קלאר וויפיל זענען אומגעקומען, אבער שאצונגען לויטן אז די ערדציטערניש האט איבערגעלאזט ארום דריי הונדערט טויזנט טויטע, און דאס שוין נאך וואס א מערהייט איינוואוינער זענען אנטלאפן פון דעם ראיאן צוליב קלענערע ערדציטערנישן בעפאר דעם. א גרויסער טייל פון די שטאט איז חרוב געווארן, און ס'איז אויסער יעדן צווייפל אז די דאזיגע געשעעניש האט געהאט א שטארקער טייל אינעם אפגעשוואכטן אידישן לעבן אויף וואס דער רמב"ם באקלאגט זיך.

## דער איד אלס "דהימי" אונטער די מוסולמענער

יענע תקופה איז געווען גאר א שטורמישע איבער דער גארער וועלט. ס'איז געווען דער אנהויב פון צווייטן העלפט מיטלאלטער, ווען די קרייץ-צוגן האבן אנגעהויבן א כוואליע פון מלחמות לענגאויס אייראפע, אזיע, און אפריקע. זעלבסטפארשטענדליך אז חאלאב, וועלכע איז ווי געזאגט געווען א וויכטיגער טרעף-פונקט צווישן אייראפע און אזיע, איז פארכאפט געווארן אינעם פייער שטורעם ווי טרוקענע שטרוי.

אויפן וועג קיין ארץ ישראל האבן די קרייץ ציגלער צוויי מאל באלאגערט די שטאט אבער האבן איר נישט געקענט איינעמען. שפעטער איז זי איינגענומען געווארן דורך דעם עגיפטישן סולטאן, צאלאח אל-דין, וועלכער האט איר צום ערשטן מאל אנעקסירט צו סיריע וואס איז געבליבן אונטער זיין הערשאפט. די פאלגנדע הונדערטער יארן איז די שטאט אפט געפאלן א קרבן פון די נאכאנאנדע מלחמות צווישן די פארשידענע מוסולמענישע שבטים - די שיאיטישע פאטימידן, די סוני מאמעלוקן, און די מאנגאלן - איבער קאנטראל אויף דעם ראיאן.

ווילאנג די פאטימידן אדער די מאמעלוקן האבן קאנטראלירט די שטאט איז נאך דער מצב געווען אויסצוהאלטן, כאטש אונטער די מאמעלוקן האט מען נישט געלעקט קיין האניג. די אידן האבן ווי אלעמאל אין גלות געקלאגט שטילערהייט אויפן מצב און אנגעגאנגען מיטן לעבן אויף וויפיל די אומשטענדן האבן עס ערלויבט.

רוב צייט האט מען אבער ווי נישט ווי געקענט עקזיסטירן וויבאלד אין די סוני לענדער איז געווען דעזיגנירט א ספעציעלער שטאנד פאר יעדן נישט-מוסולמענער, וואס איז אנגערופן געווארן "דהימי". בדרך כלל האבן די מוסולמענער טאקע ערלויבט פרייהייט פון רעליגיע פאר עמיצן וואס איז נישט אויפגעצויגן געווארן אין זייער גלויבן, אבער די "דהימי" זענען באטראכט געווארן ווי צווייטע קלאס בירגער, מיט א צאל באגרעניצונגען וואס זאלן זיי שווער מאכן דאס לעבן און זיי ברענגען סיסטעמאטיש אריבערצוגיין צום איסלאם.

צווישן די באגרעניצונגען וואס זיי האבן יא ארויפגעלייגט אויף 'פרעמדע' איז געווען דער פליכט צו באצאלן די "זשיזיע" - א ספעציעלער קאפ שטייער; א פארבאט צו טראגן געווער; א פארבאט דורכצופירן עפנטליכע רעליגיעזע צערעמאניעס, ווי בלאזן שופר אד"ג; 'פרעמדע' רעליגיעזע געביידעס, ווי די שולן און להבדיל די קירכעס, טארן נישט זיין העכער ווי די עקזיסטירנדע מוסולמענער מעטשעטן אין יענער שטאט; זייער קליידונג מוז זיין אנדערש ווי די מוסולמענער; און נאך ענליכע גזירות.

פאר די קריסטן וועלכע האבן ביז דאן געהערשט אין די לענדער, ספעציעל ארץ ישראל, איז זייער שווער אנגעקומען דאס צופאסן זיך צום נייעם לעבנ'ס



דער מויער פונעם היסטארישן פעסטונג וואס יואב בן צרויה האט אויפגעבויט אין די שטאט

שטייגער, אבער פארן גלות איד איז עס געווען דוקא א ישועה. אנשטאט זיין אונטערגעווארפן די קאפריזן פון די גרויזאמע גלחים און בישאפן האט ער יעצט געדארפט באצאלן זיין קאפ שטייער און אראפשלינגען נאך עטליכע נישטיגע גזעצן, אבער דאס אידיש לעבן האט געקענט אנגיין ווי געהעריג.

על כל פנים, דאס אלעס איז גוט געווען אונטער די מאמעלוקן וועלכע זענען געווען טייל פון די אלגעמיינע מוסולמענישע שטרעמונג. אָך און וויי איז געווען פאר די אידן די עטליכע מאל ווען די מאנגאלן האבן איינגענומען די שטאט און געברענגט א כוואליע פון רציחה מיט זיך. צום גליק האבן די מאנגאלן קיינמאל נישט געהערשט צו לאנג אויף די שטאט, דאס לענגסטע וואס זיי האבן איר אנגעהאלטן אין איין צי איז געווען פאר דריי יאר, אבער אין די קורצע צייטן האבן זיי עספיעט אנצוטאן אומגעהויערן שאדן צו די אידישע געמיינדע.

ספעציעל גרויזאם איז געווען די שחיטה וואס איז דורכגעפירט געווארן אין יאר קס"א דורך טימור לאנג, אדער "דער הינקעדיגער טימור", א הויפט פירער פון די מאנגאלן און גרינדער פון די טימורישע אימפעריע. יענער האט באוויזן בליץ שנעל איינצונעמען די שטאט אדאנק א פאררעטער וועלכער האט געעפנט די טויערן פון אינעווייניג. איינמאל ער איז אריינגעקומען האט טימור ערלויבט זיינע סאלדאטן צו מארדן און רויבן ווי זייער הארץ גלוסט. פאלגנד איז א שילדערונג פון עמיצן וועלכער האט עס בייגעוואוינט מיט די אייגענע אויגן:

*"די שטאט איז געפאלן. די גאסן פארלאפן מיט בלוט. דער הויפן טויטע קערפער דערגרייכט די שפיץ וואנט, פארמירנדיג א בריק פאר די אינוואדירער. די פילע קנעכט האבן אראפגעריסן די טירן אין זייער צעהיצטן אנטלויפן. די אנגעזאמלטע אוצרות פון לאנגע דורות זענען צעראבעוועט געווארן דורך די זיגער.* ***די אידן פון שטאט זענען איינגעזאמלט געווארן אין די שוהלן און אויסגעשאכטן געווארן ביזן לעצטן.*** *און א פיראמיד פון ארום צוואנציג טויזנט שארבנס איז אויפגעשטעלט געווארן אינדרויסן פון שטאט אלס שטימער עדות צו די שרעקליכע נקמה פון טימור לאנג".*

א חודש שפעטער האט טימור אפגעצויגן פון דארט און געגאנגען קיין דמשק, וואס איז געווען סיריע'ס הויפטשטאט און וועלכע האט אלעמאל פארשאטנט חאלאב מיט איר וויכטיגקייט. דאס ביסל פארבליבענע אידן האבן אפגעאטעמט, אנהייבנדיג פריש אויפצובויען אידישקייט גראד ארויס פון די חורבות וואס טימור האט איבערגעלאזט אונטער זיך. אזוי אויך האבן זיי ביז א קורצע צייט צוריק איבערגעבויט דעם היסטארישן "בית הכנסת הקדמון" וואס מיר האבן שוין דערמאנט.

## דער קהלה לעבן אין חאלאב

דורך דער "דהימי" שטאנד וואס די אידן האבן אנגעהאלטן אין איסלאמישע לענדער איז ארויסגעקומען א גרויסער טובה. ווילאנג דער איד האט באצאלט דעם קאפצאל און זיך נישט צופיל געווארפן אין די אויגן האט די רעגירונג אים געשאנקען פולער פרייהייט אין זיין ווינקל און זיי האבן זיך נישט צופיל געקימערט וואס דארט טוט זיך. דאס האט ערמעגליכט די אידן אויפצושטעלן פעסט באזירטע קהילות, וואו די רבנים און פרנסי הקהלות האבן געהאט דאס לעצטע ווארט, און אידישקייט האט געבליהט.

פון די פיר-פינף יאר האבן די קינדער אנגעהויבן לערנען אין "כּוּתּאַבּ" [תלמוד תורה]. רוב מענער האבן זיך אפגעגעבן מיט האנט ארבעט צו ברענגען פרנסה אין שטוב, אבער די שטאט האט אויך ארויסגעגעבן היפש תלמידי חכמים. נאך אין די צייטן פון די גאונים האט זיך צומאל געמאכט אז מ'האט אריבערגעברענגט א גרויסן ת"ח פון חאלאב קיין בבל צו דינען אלס דיין אדער ראש ישיבה. בכלל איז אלע יארן געווען א שטארקע פארבינדונג צווישן די אידן אין חאלאב מיט די גאנץ נאנטע תורה צענטערן אין בבל. פארט זענען אומבאקאנט די נעמען פון רוב רבנים און חכמים אין חאלאב.

דער "חכם באשי" איז געשטאנען אין שפיץ פון אלע קהל'ישע אנגעלעגנהייטן. די פרנסי הקהלה זענען נישט אויסגעקליבן געווארן דורך וואלן, נאר צווישן די חשוב'סטע משפחות און פערזענליכקייטן, וואס האט געפירט דערצו אז די קהלה פירערשאפט זאל ליגן הונדערטער יארן אין די הענט פון די זעלבע משפחות.

אינערהאלב די קהלה, ווי דער שטייגער אין פיל מזרח קהלות, זענען אויפגעבויט געווארן קלאסן וואו יעדער האט געהערט. דאס האט זיך געוואנדן אינעם פאַך און רייכטום פון יענעם מיטגלידער, און צווישן די קלאסן האט בדרך כלל געהערשט א פולקאמער סאציאלער טיילונג בנוגע שידוכים אד"ג. פארשטייט זיך אז די צדקה וחסד פון אידישע קינדער האט ווי שטענדיג נישט געהאט פאר זיך קיין קלאס-גרעניצן.

ווען די שיאיטישע פאטימידן האבן מיט טויזנט יאר צוריק איינגענומען סיריע, ארום די יארן פון ד' אלפים תש"נ, האט זיך שטארק פארבעסערט דער מצב פון די אידן. די שיאיטן ווערן טאקע פאררעכנט אלס מער עקסטרעמע מוסולמענער ווי די סוניס, אבער אין יענע תקופה האבן זיי זיך בעסער באנומען מיט די פרעמדע 'אומגלויביגע' אין זייערע לענדער ווי די סוניס, קריסטן און להבדיל אידן האבן געהאט די זעלבע רעכטן ווי מוסולמענער. אין יענע יארן איז זאגאר געווען א שטיק צייט וואס דער איד ר' מנשה אברהם אל-קאזאז פון חאלאב האט אנגעפירט גאנץ סיריע. דאס זענען געווען די בעסטע יארן פון די אידישע קהלה אין חאלאב דורכ'ן מיטלאלטער.



אן אלטער בילד פונעם אור-אלטן "בית הכנסת הקדמון", איידער די אראבער האבן עס חרוב געמאכט

קנאפע הונדערט יאר שפעטער, אין די תקופה פון רמב"ם, ווען עס האבן זיך געפינען אסאך חכמים אין חאלאב ווי פריער דערמאנט, איז אנגעקומען דארט עובדיה הגר - וועלכער איז בארימט צוליב דעם בריוו וואס דער רמב"ם האט אים געשריבן וואו ער ברענגט ארויס די געוואלדיגע מעלה פון גרים - און ער האט זיך דארט אפגעשטעלט עטליכע יאר. די ארטיגע אידן האבן אים אויסגעהאלטן מיט אלעם גוטן, ביז ער איז עווענטועל אראפ קיין מצרים.

בערך די זעלבע צייט טרעפט מען אין די רשימות פון דעם וועלט בארימטן רייזנדער, רבי בנימין מטודילה, ווי ער איז אנגעקומען קיין חאלאב אין יאר ד' אלפים

תתקל"ג, עטליכע יאר בעפאר דעם אויבנדערמאנטן רבי פתחי' מרעגנשבורג: *"און פון דארט [חצור] צוויי טאג צו חאלאב, דאס איז ארם צובא, און ז' איז א מלוכה שטאט אין די קעניגרייך פון נור אל-דין - [דער פארגייער פון צלאח אל-דין] - און אינעם שטאט אין זיין פאלאץ, ארומגענומען מיט זייער א גרויסע מויער. דארט איז נישטא קיין קוואל אדער טייך נאר זיי טרינקען רעגן וואסער, און יעדער האט א גרוב אינדרהיים וואס מ'רופט אלגוב. און אין איר איז דא בערך פופצן הונדערט אידן, בראש פון ר' משה אל קושטנדיני און רבי ישראל און רבי שת".*

נאך א מערקווירדיגער אנדענק פון חאלב אין יענע תקופה איז פארצייכנט געווארן לדורות דורך דעם גרויסן אידישן משורר רבי יהודה אלחאריזי, וועלכער האט ארומגערייזט א האלבע וועלט, און אויסגעלעבט זיינע לעצטע יארן אין חאלאב. דארט האט דאן געדינט אלס "חכם" דער באליבטער תלמיד פון רמב"ם, רבי יוסף ב"ר יהודה אבן עקנין [אדער אבן שמעון], צו וועמען דער רמב"ם האט געשריבן זיין וועלט בארימטן ספר "מורה נבוכים". ווי ס'שיינט איז אלחאריזי געווען גאר נאנט מיט אבן עקנין, וואס מ'קען זען אויך דערפון וואס יענער האט אים באאויפטראגט איבערצוזעצן דעם מורה נבוכים פון אראביש צו לשון הקודש.

